STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01419

DER DEKLAMATOR

Permanent preservation of this book was made possible
by Bernard & Helen Balick
in memory of
Shoma & Charna Balick, born Ukraine, died Wilmington, DE

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „ביכער-פאר-אלע“, ווארשע.

דער דעקלאמאטאר

א ליטעראַרישע זאמלונג

פאר מוזיקאליש-ליטעראַרישע און פאמיליען-אווענדען.

ענטהאלט: סקיצען, מאנאלאגען, הומארעסקען, געדיכטע, ליעדער און דראַ-מאטען פון די בערוהמטעסטע יודישע און אייראפעאישע שריפט-שטעלער, ווי אויך נאטען צו די ליעדער.

געזאמעלט דורך

אברהם רייזען

און ערפילט דורך דער רעדאקציע פון

„ראמאנצייטונג“.

ווארשע. — תרס"ט.

Drukarnia „Hacefira“ Leszno 54

אינהאלטס־פערצייכניס.

פראָזע.

זייטע

אָבער דאַוונען מוז מען דאָך. י. ל. פרץ 9
וואו איז יושר! אברהם רייזען 11
געשלאָסען אַ געשעפט. — — — — — — — — — — 14
דער משוגענער בטלן. י. ל. פרץ 17
שטערען. משורר 24
בײַ'ן דאָקטאָר. שלום עליכם. 26
די לעצטע האָפנונג. אברהם רייזען 34
אַ שבת אין אַ שטעדטיל. שלום אַש 38
אליהו הנביא. וו. מ. דאָראָשעוויטש 41
ווי אַ טשינאָווניק איז געשטאָרבען. אַנטאָן טשעכאָוו 46
עס רעגענט. ש. אדלער 51
פון ביידע זייטען גרענעץ. יקור וואַרשאַווסקי. 55
ליבע. יעקב שטיינבערג 58
אַ ראָמאַן אין פיער טייל. בעל יאוש 62
שבת־צו־נאַכטיגע פאָליטיק. מענדעלי מוכר ספרים 64
בערדיטשעווער שרפות. שלום עליכם 69
די פרומע קאַץ. י. ל. פרץ 75
אַ שמועס. שלום אַש 79
הייַנטיגע יונגע לייט. ד. פינסקי 83
אָבמאַכען. מ. אָסיפאָוו 89

פאָעזיע.

די גרינע. מאָריס ראָזענפעלד 93
פון מיכה ו'. ה. ד. נאָמבערג 96

דאָס העמדעל. ש. פריד . . . 97
מיאוס איז די ערד. אברהם רייזען . . . 100
* * איך וואַרט אויפ'ן ליכטיגען טאָג — — —
צו* די ברידער. י. באָוושאָווער . . . 101
דער נאַכט-וועכטער. אַ. רייזען . . . 102
אַ בריעף צו דער מאַמען. מ. שאַרקאַנסקי . . . 103
איצט פערשטעה איך. אַ. רייזען . . . 105
אוים די נביאים. י. ל. פרץ . . . 106
מיין ווייזענם ברכה. יוסף יפה . . . 107
אַ שטיין. ז. שניאור . . . 109
מיין נישט. י. ל. פרץ . . . 111
אויגען און ליפּלעך. — — — 112
אמת און שקר. — — —
מיין שטעדטיל. — — — 113
כ'האָב קיין געלד. — — — 114
פאָלקס-מאָטיוו. — — —
אַ קרעמער. בר-כהן . . . 115
אַ הצלחה פון גאָט. — — —
אַ שוועסטער. — — — 116
ועהסטו. — — — 117
עס פליהען די יאָהרען. — — —
דאָס מעדעל. אברהם וועוויאָרקא . . . 118
אוי וועה און חאַ-חאַ-חאַ. ה. ד. נאָמבערג . . . 121
זעקס. דוד פרישמאַן . . . 123
די נאַכט איז שטיל. — — —
מיט וואָס איך בעשעפטיג מיך. ש. פרוג . . . 125
רבי געלד. — — — 128
צוויי בילדער. — — — 128
שמחת תורה. — — — 130
רייין און ליכטיג איז דער הימעל. — — — 132
עכוב הקריאה. י. ל. גאָרדאָן . . . 133
וואָס איז ביי דער אסיפה געבליבען. — — — 139

צײַטען. י. ל. [illegible] 142
מײַן צוָאה. מיכל גאָרדאָן 146
אָדם לעצטע וואָרט. ח. נ. ביאַליק 149
פֿון „רבי יהודה הלוי". 153
אונטער די גרינינקע בוימעלעך. 154
זומער בײַ נאַכט. א. ש. שוואַרץ 155
מיר ציהען. ל. יפה. 156
מײַן האַרץ איז אין מורח
מיט יעדער פערשטאָרבענע האָפֿנונג. משה טײַטש. 157
ניט איך, ניט איך. פלטיאל זאַמאָשטשין. 158
פֿאַרוואָס ושע בענק איך. י. א. ליִזעראָוויץ. 159
הערבסט-מאָטיוו.
די ווינטער קעניגין. י. א. ליִזעראָוויץ. 160
אײַנגעלעך האַרציגע. 161

ליעדער צום זינגען.

אַ וויעג-ליעד. ה. ד. נאָמבערג. 165
שבת, יום טוב און ראש חדש. אַ. גאָלדפֿאַדען. 166
פֿלאַקער, פֿײַעריל.
זאַמד און שטערען. ש. פֿרוג. 168
איך שטעה בײַ דעם וואַלד. י. י. פראָפּוס. 169
צוויי חסידים. י. ל. גאָרדאָן. 170
אָרימעם לעבען. א. רייזען. 172
דײַנע אויגען.
אַרבייטער-ראָמאַנס. מאָריס ראָזענפֿעלד. 173
אַ איד בין איך. 174
די אידישע פֿרײַהײַט.
דער קאַנאַריק. 175
מאַי. 176
מײַן יינגעלע.
גלות-מאַרש. 178

שלאָף, מײַן קינד. שלום עליכם. 180
עלעגיע. יצחק קאַצענעלענסאָן. 182
שײדען טהוט װעה. ברוך זאַפּיר. 183
פערליעבטע. יצחק קאַצענעלענסאָן. 185
װאַרום. ה. ד. נאָמבערג. 186

פאָלקס-ליעדער.

דו מעדעלע, דו שענס. 187
הער נאָר דו שען מײדעלע. 188
דער פאַראָם. 189

פּראָזע.

י. ל. פרץ.

אָבֶער דַאווֶנען מוּז מֶען דָאך.

בערל שנײַדער האָט קוים דערלעבט זײַן זוהן דער דאָקטאָר זאָל צוריק קומען אַהײם, אין דער הײם וועט ער האָבען פּראַקטיקע, מען וועט שוין קרענקען.

געקומען איז דער זוהן פֿרײַטאָג, און שבת וויל איהם דער פֿאָטער מיטנעהמען דאַווענען.

– איך וועל נישט געהן, טאַטע! מאַכט דער דאָקטאָר...

– וואָס, שעהמסט דיך מיט מיר צו געהן?

– גאָט בעהיט, טאַטע, וואָס פֿאַלט דיר אײַן...

– אָבער, אַז מען איז אַ דאָקטאָר, מײנסט דו, דאַרף מען שוין ניט גאָט בעטען, גאָט לויבען?

– נישט דאָס, טאַטע...

– וואָס דען? זאָג! ביזט אפשר מיעד. חס־ושלום, נישט געזונד.

– נײן, טאַטע! נאָר געהן וויל איך נישט.

– איך בין אַ בעקן צו וויסען פֿאַרוואָס.

– נו, אדרבה, זעץ דיך, טאַטע, איך וועל דיר זאָגען פֿאַרוואָס.

דער אַלטער לעגט אַוועק דעם טלית און זעצט זיך.

– נו, זאָג אַדרבא, לאָמיר אויך פֿערשטעהן אַ זאַך!

– גוט... שטעל דיר פֿאָר, טאַטע, אַז דו ביזט רײַך, אַזוי רײַך, אַז עטליכע רובעל מאַכען בײַ דיר גאָרנישט אויס.

דער פֿאָטער זיפֿצט אָב. כּדי פֿון זוהן אַ דאָקטאָר צו מאַכען האָט ער זיך איבער'ן קאָפּ פֿערזעצט, אַ הײַזעל האָט ער געהאַט – אויס הײַזעל, קאַמאָרינע זיצט ער, די מאַשינען אויך פֿערקויפֿט.

– נו, מאַכט ער און זיפֿצט שווער אָב.

– אַלזאָ, דו ביסט רײַך, און געגען איבער דיר וואָהנט אַן־אַלמנה, אַ שוואַכע, אַ קראַנקע אַלמנה, לאָז נאָך זײַן מיט קינדער און מען דאַרף זי שטיצען.

– וואָלט איך אַודאי געשטיצט!

נאָר, צי וואָלסטו געוואַרט ביז די אַלמנה זאָל דיך קומען בעטען, חלש'ען פאַר דיר, אויסגיעסען טײַכען טרערען?

— חס ושלום! נאָך וואָס? אַז איך ווייס...

— און גאָט — וואָס איז ער, בעסער אָדער ערגער פאַר דיר?

— וואָס רעדסטו, אַ שאַלה דאָס איז!

— נו, — טריאומפירט דער זוהן דער דאָקטאָר. — אַז גאָט איז בעסער, ווייס ער אַליין וואָס אַנ'אָרימער, שוואַכער און קרענקליכער מענש בעדאַרף, און וועט ניט וואַרטען, מען זאָל איהם בעטען...

— אָבער — —

— גאָט ליובען. מיינסט דו?

— זאָל זײַן...

— נו, טאַטע, ווי וואָלט דיר געפעלען, עס זאָל זיך דיר עמיץ אַנטקעגען שטעלען און זאָל דיר ליובען אין די אויגען אַרײַן: אַ וואוילער שנײַדער, אַ גוטער שנײַדער, אַ עהרליכער שנײַדער, אָבער וואָס הייסט אַ שנײַדער! גאָר אַנ'אמת'ער שנײַדער! אַנ'איינציגער שנײַדער!

— אַך, — מאַכט אונגעדולדיג דער אַלטער —, די גרינגע גאַל געהט זיך אָן!

— און ווייסטו פאַר וואָס? ווײַל דו ביזט קיין נאַר נישט, זאָלסט הנאה האָבען פון נאַרישען ליובען. און דו ביזט אַ מענש, אַ שוואַכער מענש, וואָס שענדען קען דיר שאַטען, און ליובען העלפען...

— אָבער...

— קיין אָבער! טאַטע, קיין אָבער; גאָט איז קליגער פאַר אונז, און ער, מיינסט דו, דאַרף אונזער ליוב; ער דאַרף מען זאָל זיך דרײַ מאָל אין טאָג אַנ׳ערשטערען שרײַען: אַ גוטער שנײַדער, אַ וואוילער שנײַדער —

— וואָס רעדסט דו?..

— נו, זאָל זײַן: אַ גוטער גאָט, אַ וואוילער גאָט, הימעל און ערד בעשאַפען... צו ווייס ער ניט בעסער?

דער אַלטער פערטראַכט זיך, חאַפט זיך אָבער אין מיטען אויף:

— אַלץ ריכטיג, — זאָגט ער, — אָבער דאַווענען מוז מען דאָך.

אַברהם רייזען.

װאו איז יושר?

(פון אַ בעל-הבית׳ס אַ שמועס)

ענטקעגען דעם, װאָס איהר זאָגט בעלי=מלאָכות. איהר מיינט דאָך, אַז נאָר איהר היינטיגע זענט דערגאַנגען דעם סוד, אַז דער בעל=מלאכה איז אויך אַ מענש, און נאָך װאָס פאַר אַ מענש! די אויבערשטע פון שטויסעל, דער בחיר היצורים, די קרוין! אַ שפּאַס — דער פּראָלעטאַריאַט, װי איהר רופט עס מען קען די ציינער צובּרעכען מיט אַזאַ נאָמען... ניט דאָס בין איך אויסען. איך זאָג ניט — אַ גאַנג איז דאָס, אַז דער עיקר איז דער בעל=מלאָכה. די מעשה איז דאָך אַזוי, װער פערשטעהט עס ניט? אַז ניט קיין שוסטער װאָלטען מיר געגאַנגען באָרפוס, אַז ניט קיין שניידער װאָלטען מיר געגאַנגען נאַקעט, אַז ניט קיין בעקער װאָלטען מיר אַלע געפאַסט, חאָטש צוריק רעדענדיג: ברויט קען מען ביי אונז אין שטעדטעל אַליין באַקען און אָהן בייגעל קען מען זיך אויך בּעגעהן. אַי, אַ חלה? בלייבּט ביי יעדער בעל=הבית׳טע אַ שטיקעל חלה פון שבת.. יאָ, הייסט עס אַז ניט איהר זייט די ערשטע, װאָס איהר זענט דערגאַנגען דעם סוד. ביי אונז אין שטעדטעל, חאָטש מיר זענען קיינמאָל ניט געװען קיין סאָציאַליסטען האָט מען שוין לאַנג געװאוסט, אַז בעלי=מלאָכות זענען אויך מענשען, אויב זיי פיהרען זיך נאָר װי מענשען. װאָרום דער עיקר איז דאָך, אַז דער מענש זאָל זיין אַ מענש מיט שטאַט, מיט דרך ארץ, איז דאָך ניט שייך, װאָס איז װעמעס עסק, װער דו ביזט — זיי חאָטש אַ גאַרבּער... ס׳אַראַנה אונזערע!...

און אויב דער מענש איז נאָר געװען אַ מענש, האָבען שוין די בעלי=בתים פון שטעדטעל פערגעסען זיין מלאָכה, און אָט אַזאַ מענש איז ביי אונז געװען נח חיים דער שוסטער. הערט איהר, הלואַי װאָלטען היינטיגע בעלי=מלאָכות זיך אַזוי געפיהרט װי ער, װאָלטען מיר פון זיי מעהר געהאַלטען, װי מיר האַלטען איצטער פון זיי, חאָטש זיי זענען די יחסנים... װאָרום צוריק רעדענדיג

האט א בעל הבית דעם היינטיגען ארבייטער נאך ערגער פיינט, ווי אמאל... צווישען אונז זאל דאס בלייבען... ווי שטעהט אין פסוק: עבד כי ימלוך... איהר פערשטעהט? מיינע רעד, האף איך, וועלען זיך ניט דערגעהן, ווארום ס'איז סכנות נפשות...

נח חיים דער שוסטער האט כל ימיו א בעל הבית קיין מאל ניט פוגע בכבוד געווען, אפילו שמחת תורה ווען ער פלעגט זיך איינשכור'ען, וואס דאמאלסט איז דאך הפקר א וועלט: יא בעל הבית, ניט בעל הבית... און שכור איז ער געווען מעהר פון אלע, ווייל נח חיים איז געווען דער אמת'ער טייערער ייד!... מיר האט ער אמאל אליין געזאגט, אמת, ניט שמחת תורה, ניכטערערהייט: ר' לייב, וואס זנאטשע איך אנטקעגען אייך? ווי דער בעל התפלה וואס דאווענט שבת פון פארענט ביז שוכן עד, קעגען דעם בעל־מוסף... ער איז געווען ניט קיין עם הארץ... עס פערשטעהט זיך, אז איך האב איהם גלייך געענטפערט: „ביזט א שוטה... אלע מענשען זענען גלייך". ביי מיר איז ניטא קיין גדלות... „עט — פלעגט ער זיך נעהמען עקשנ'ען — וואס הייסט גלייך?... ווי אזוי קענען זיין אלע גלייך... אויף יענער וועלט סיידען"... ער איז געווען דער גרויסער חכם! וואלט למשל א היינטיגער „פראלעטאריאט" געענטפערט אזוי קלוג? עס פערשטעהט זיך, אז לעדיג איז שוין דערפאר נח חיים דער שוסטער ניט געגאנגען, די שענסטע בעלי־בתים האבען ביי איהם גענעהט, חאטש, אנ'אמת האב איך האלט צו זאגען, היינטיגע נעהען בעסער: זיינער א באט פלעגט שטענדיג קוועטשען...

אין שטעדטעל פערשטעהט זיך, זענען געווען נאך שוסטער, נאר מיט זיי פלעגט ער ניט האבען קיין מגע ומשא. ער פלעגט אפילו דאווענען ניט אין דעם קלייזעל, וואו זיי, נאר ביי אונז אין דער גרויסער שוהל. דארטען האט ער טאקי געהאט א שטאט, ניט אין מזרח, פערשטעהט זיך, אבער צווישען די קלענערע בעלי־בתים... אנ'עליה פלעגט ער שטענדיג קריגען א בעל־הבתישע, אנ'אחרון, א הגבהה און אמאל, אמת שבת צו מנחה, פלעגט ער טאקי בעקומען שלישי... איך זאג אייך, אז ער איז ווערט געווען! אז מען האט, דערהויפט שבת, גארניט דערקענט, אז ער איז

אַ שוסטער. די זעלביגע אַטלעסענע קאַפּאָטע, די זעלביגע יאַרמאָלקע, ווי ביי אַלע בעלי־בתּים און די עטרה פון טלית איז נאָך געווען אַ טייערערע ווי ביי אַנדערע בעלי־בתּים. היינט גיה האָב פיינט אַזאַ שוסטער! ...

זעהט איהר, אַז מיר, בעלי־בתּים, זענען ניט עפּעס אַזוינע מענשען, וואָס פערשטעהען גאָרניט. און וואָס וואָלט געפעהלט, אַז אַלע בעלי־מלאָכות וואָלטען אַזוי געווען, ווער וואָלט צו זיי געדאַט. נח חיים דער שוסטער האָט טאַקי געלעבט ווי אַ גראַף. שטענדיג געהאַט אַרבייט, געטהון מיט קינדער בעלי־בתּישע שדוכים, און אַז ער איז געשטאָרבען, דאָ ניט לאַנג טאַקי, איז געווען אַזאַ לויה, אַז יעדער ייד מעג מקנא זיין. גאַנץ שטאָדט איז געווען. דער רב האָט איהם אַפילו געוואָלט מספּיד זיין, דער רב האָט פון איהם שטאַרק געהאַלטען, נאָר אַ פּאָר בעלי־בתּים האָבען איהם אָבגעהאַלטען: עס פּאַסט ניט, רבי... אָבער גענוג, אַז מען האָט געוואָלט!

מיינט ניט, חלילה, אַז מיר זענען עפּעס גזלנים... מיר ווייסען אַלץ און פערשטעהען אַלץ און האָבען יושר. איצטער איז דאָך ניט שייך — אַז איצטער דאַרף מען גאָר מורא האָבען...

נו, איז דאָס אַ גאַנג, פרעג איך אייך, אַז אַ בעל־הבית זאָל דאַרפען מורא האָבען פאַר אַ בעל־מלאכה? ...

איך פרעג אייך, איהר זענט דאָך אַ היינטיגער:

— וואו איז יושר? ...

אברהם רייזען.

געשלאָסען אַ געשעפֿט.

(סקיצע).

אויף מאָרגען נאָך פּסח.

לייזער שטעהט ביי זיין קליין שטיבעל און קוקט אין דער וועלט אַריין. זיין קוק איז אַ דערשראָקענער, אַ פֿערצווייפֿעלטער. די ליעבע זון, וואָס שיט מיט שטראַהלען פֿון דער פֿולער האַנד, ווירקט ניט אויף איהם. פֿערקעהרט, דער שיינער ליכטיגער טאָג רייצט איהם, לאַכט פֿון איהם, מאַכט חוזק פֿון זיין בלאַסען איינגעשרומפּענעם פּנים, פֿון זיין קליין בערדיל, וואָס האָט שוין צו פֿיערציג יאָהר פֿיעלע ווייסע האָר, און דער הויפּט פֿון זיין סורדוט, וואָס איז בלומרשט דער יום־טובדיגער און האָט סך הכל מיט צוויי לאַטעס און מיט איין ריס ווייניגער, ווי דער וואָכענדיגער...

הײַנט, ווי וואָלט נאָך די זון געלאַכט, ווען זי וואָלט געוואוסט, וואָס ביי איהם „טהוט זיך" אין שטיבעל, אין קעשענע... און אפֿשר וואָלט זי גאָר קיין האַרץ ניט האָבען דאַן צו לאַכען. זי וואָלט זיך פֿאַר שרעק אַוודאי בעהאַלטען, און זי וואָלט דערמיט טאַקי איהם אַ טובה געטהון. זי וואָלט איהם ניט אַזוי געשטאָכען מיט איהרע שטראַהלען, זי וואָלט איהם ניט אַזוי געוועקט צו'ם לעבען, ווען איהם איז געקומען ממש זיך אויסצוציהען אין גאַס און שטאַרבען.

עס איז אָבער גרינג צו רעדען — אויסצוציהען זיך אין גאַס און שטאַרבען. קיין שלעכטע זאַך וואָלט דאָס אפֿילו ניט געווען — אַ סוף — אַן עק, וויפֿיעל איז דער שיעור צו מוטשען זיך! אָבער וואָס טהוט מען מיט'ן ווייב און קינדער? אויסציהען זיך אין גאַס מיט 7 פּערשוין, צווישען וועלכע עס געפֿינען זיך אַ פּאָר עופֿ'עליך איז עפּיס אַ ביסעל צו שרייענדיג, ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ רעש עס וואָלט געוואָרען אויפֿ'ן הימעל פֿון אַזאַ מעשה, און אפֿשר אויף דער ערד אויך...

וואָס זשע טהוט מען אָבער פֿאָרט? אויף היינט אפילו איז נאָך געבליעבען פֿון פסח עטליכע מצות, אַביסעל מצה־פֿאַרפֿעל און אַ ביסעל בולבע. אין דער פֿריה נאָך האָט ער געהערט, ווי זיין גרונע האָט זיך גערחשבונ׳ט און בעשלאָסען צו קאָכען אַ טעפּיל בולבע און פֿערזופּען מיט מצה־פֿאַרפֿיל. שלעכט איז דאָס אפילו ניט, כמעט אַ יום־טוב׳דיגער „וואַרמעס”, אָבער דאָס איז דאָך נאָר אויף היינט. וואָס וועט ער אָבער טהון מאָרגען?

די קשיא איז אַ האַרבע, אַ שווערע און איהר שפּיץ איז מיט נאָדלען אָנגעשטעקט און די נאָדלען שטעכען אין האַרץ, אין קאָפּ און אין אַלע גליעדער. באַלד אָבער ווערט זי נאָך האַרבער, נאָך שווערער, נאָך שטעכעדיגער: וואָס וועט ער טהון איבערמאָרגען און וואָס וועט ער טהון אַ גאַנץ זומער, דעם לאַנגען גרויסען זומער, אַז קיין אַרבייט קאָן ער ניט, קיין קראָם האָט ער ניט און האַנדלען איז ניטאָ מיט וואָס און זומער איז ניטאָ וואָס צו האַנדלען — טויט!

און לייזער ווערט ניט אויף געלעכטער אין כעס און ברומט:

— אַ, ניט געדאַכט זאָל ער ווערען, דער זומער!...

אין יענקיל־חנן דער מלמד איז אויך ניט אין אַ בעזונדער גוטער שטימונג. די וואַרימקייט איז אַפילו צו זיין הוסט אַ שטיקעל רפֿואָה, אין אַ וואַרעמען טאָג הוסט זיך לייכטער, און דער עצם הוסט איז אַ ווייכער, אַזש אין דעם הוסטען אַליין שטעקט אַ שטיקעל תענוג, פֿון דעסטוועגען איז פֿאָרט ניט גוט, מיט׳ן הוסט אַליין קען מען ניט לעבען, מען מוז האָבען דערצו אַ קנעלונג, און זומער בעקומען אַ קנעלונג איז נאָך שווערער ווי ווינטער צו בעקומען די ליחה.

נאָר יענקיל־חנן איז אַ ייד אַ בריה. ניט אומזיסט לעבט ער שוין 50 יאָהר אויף דער וועלט און הוסט שוין 35 יאָהר, — און ער לאָזט זיך אַרויס אין גאַס זוכען „קינדער”.

און זוכענדיג קומט ער צו צו לייזערן, אַ גליקליכע אידעע פֿליהט איהם דורך אין קאָפּ. סטייטש! לייזער האָט דאָך אַ יינגעל, אַ חומש׳ניק. ער וועט צו איהם צושטעהן, ער זאָל איהם דאָס יונגעל אָוועקגעבען. ער מוז איהם אַוועקגעבען. פֿאַר גליק גיעט ער אַפּאָר מאָל אַ הוסט און גערט צו גלייך צו׳ם קינפֿטיגען שפּייזער, צו זיין

„בעל־הבית״, צו לייזער׳ן, און נאכ׳ן „גוט מארגען״ פרעגט ער:

— ווי געפעלט אייך היינטיגער טאג?

— ניט קיין מאוסער טאג! ענטפערט לייזער.

— דוקא א שיינער טאג! לויבט יענקעל חנן —

ער ווערט שטיל, גיעט ערעל א הוסט, מאכט גאר אנ׳אנדער מינע און שטעהט צו גלייך צו דער זאך.

— וואס הערט זיך מיט אייער „בחור׳יל״? האט ער שוין א מלמד?

— האבען האט ער... ענטפערט לייזער און וויל שטאל׳ן זיין — גאר איך בין עפיס ניט צו פריעדען.

— הייסט עס, האט ער דאך ניט — ווערט יענקיל חנן מלא שמחה.

— אזוי ווי ניט! איז זיך שוין לייזער האלב מודה.

— הייסט וואס־זשע ווארט איהר? ווערט שוין יענקיל חנן אין גאנצען פרעהליך, די האפנונג צו בעקומען דעם תלמיד איז שוין כמעט ווי ערפילט. און ער הוסט זיך שוין פערנאנדער, ווי געהעריג איז, ווי עס פאסט פאר א מלמד, וואס האט שוין באלד זיין חדר פאר פול.

לייזער פרעגט דעם מקח, וויפיעל קינדער האלט ער אין חדר און ווי איז זיין שיטה אין לערנען. יענקיל חנן ענטפערט אזוי, אז לייזער איז אין גאנצען צופריעדען און נאך א קורצען ישוב־הדעת זאגט ער ארויס מיט א ברייטקייט:

— מילא, ער וועט געהן צו אייך!

— און איהר וועט זיין צו פריעדען! פערזיכערט יענקיל חנן און וויינט שיער ניט פאר שמחה...

און אז דער מלמד געהט א גליקליכער אוועק, ווערט לייזער אויך רוהיגער און האלב שמייכלענדיג, האלב וויינענדיג ברומט ער ארויס:

— געשלאסען א געשעפט...

י. ל. פרץ.

דער משוגענער בטלן.

ער איז געלאָפען אויף און אָב ביי טאָג איינער אליין אין ביה"מ און ראַפּטעם זיך אָבגעשטעלט.

— רבונו של עולם! ווער בין איך?

— ווער בין איך?... מען רופט מיך: בערל חאַנטשעם... נו, בין איך דען בערל חאַנטשעם? בין איך דער נאָמען? — די שילד איז נאָך ניט די שענק! דאָס הויז, וואו דער רב וואָהנט, הייסט: פּאָדקאַרפּיעם און איך־בערל חאַנטשעם!

אין טשאַכנאָווקע קען מען מיך: מען ווייסט ווער בערל חאַנטשעם איז; אָבער אין אַמעריקאַ? ווען איינער למשל גיט אַזוי ראַפּטים אַ זאָג אַרוים אין אַמעריקאַ, אין ביהמ"ד: „בערל חאַנטשעם"... נו וואָלט עמיץ געוואוסט, אַז מען מיינט עם מיך?

שאַני הָכָא! דאָ איז עפּעס אַנדערש, דאָ גיט יעדער אַ שמייכעל, אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, מאַכט אַזוי אַ תנועה... „אַ בעקענטע זאַך, בעריל חאַנטשעם"! איינער טראַכט: דער בטלן, דער צווייטער: — דער משוגענער, דער דריטער — כוויים וואָס; דער פיערטער וועט זיך דערמאַנען, אַז איך הייס נאָכ'ן פּעטער בערל. — טויבעלע, אמת, גיט אַ קרעכץ דערביי, ווייל זי ווייסט, אַז איך בין נעביך אַ יתום. אָבער אין אַמעריקע, וואו מען קען ניט חנה די זיטצערקע, און וואו מען ווייסט ניט, אַז עס איז געווען אויף דער וועלט אַ בערל חקרן, דער מאַמעס אַ ברודער, וואו מען ווייסט ניט, אַז איך בין, וואָס מען רופט מיך: אַ משוגע'נער, אַ בטלן, אַ יתום און אפשר גאָר אַ חקרן. איך בין, דאַכט זיך, געראָטען אין פּעטער אַריין. וואָס פאַר אַ רושם וואָלט געמאַכט: בערל חאַנטשעם?!

עפּעס ווייס איך דאָך יאָ ווער איך בין? איך אַליין זאָג דאָך: אַ משוגענער, אַ בטלן... נו, דאָס בין איך!

בין איך דען ניט משוגע? וועלכער מענש שטעלט זיך אַנידער קלערן, ווער ער איז? אַ מענש איז אַ מענש! איך בין אַ מענש

און הײם: בעריל האַנטשעס... װאָלט איך געװעזען אַ הױז, װאָלט איך אפשר געהײסען: פּאָדקאַרפּיעס, — אײן אַרעשטאַנט — װאָלט איך געהאַט אַ לאַטע אױף די פּלײצעס און אַ נומער... װאָלט מײן טאַטע, נישט די מאַמע, געװען דער פערזאָרגער, דער „פּרנסה־געבער“, ניט דער בטלן, װאָלט איך געהײסען: בעריל שמעריל׳ס. עס װאָלט אפילו שװער געװען אַרױסצוזאָגען: „בעריל שמעריל׳ס“ נאָר מען װאָלט שױן געמוזט! און אפשר װאָלט איך דעריבער װעניגער געװעזען בײ מענשען אין די מײלער — װען מײן נאָמען זאָל זיך נישט אַזױ גלאַטיג אַראָבקױקלען פון דער צונג.

— אָבער, װי איך װאָלט געהײסען — אַ מענש בין איך...

— אַ מענש! נאָר אַ בטלן דערצו... מאַלע אַ מענש בלײבט אַ יתום, נו, װאָהנט ער אין ביהמ״ד? קראַנק בין איך עפּעס צו טהון? אין שליחות געהן, האַלץ צו האַקען, אַ משרת צו װערען און געהן אָנגעטהון אַ בגד, נישט קרועה בלויה. עסען ברױט, נישט צו זײן ביז דרײסיג יאָהר ישיבה בחור, עס זאָל מיר פעהלען צװײ טעג אין װאָך און אַרומדרעהען זיך און קלערען: װער איך בין?!

— איך װאָלט האָטש געװאוסט, װער מײן קאַפּאָטע איז; אַזױ, אָסור אױב איך װײס! — אַ שטיק בענדיט, אַ שטיק חיים, אַ שטיק יונה, דרײ פערטיל פון מיסט! אַמערכה, טױבעלע קען גײען אַ ניט װאָלט איך געװעזען אָדם נאַקעט.

— איז דען דאָס אַלײן ניט קײן שגעון? אַזאַ מין בטלנות, אַזאַ מין בטלנות! גאָרנישט... שמער׳ל, חיים, יונה... עס האָט אַ שיעור װיפיעל בית המדרש׳ניקעס איך האָב איבערגעלעבט!... אײנער איז שױן אַ סוחר, אײנער — אַ טרעגער, אײנער — אַ שענקער: אַ דאַגה, אײנער איז שױן אײן אַלמן אפילו, שמער׳ל האָט שױן דאָס דריטע װײב; נאָר אַלע האָבען קינדער, געשעפטען, עסקים; גוט, שלעכט, נאָר פערנומענע מענשען, עסען ניט קײן טעג, זענען נישט קײן בטלנים... מענשען! און איך װיל אױך זײן אַ מענ

— װאָס הײסט אַ מענש?

— װי איך בין אַ איד, איך בין קײן מענש נישט!

— װי איך בין אַ איד! איך בין אַ איד! אמת, איך בין אַ איד, נאָר גאַנץ טשאַכנאָװקע זענען אױך אידען און זענען נישט איך,

הלמאי, איך בין אַ מאַנספּערשוין, (חאַטש אַ קלאָג צו מײַן מאַנס־פּערשוין. אַ וועהטאָג צו איהם)! נו... אַלע מענשען, וואָס זענען ניט קײן נקבות זענען מאַנספּערשוינען, הכלל, זענען אַלע בעריל חאַנטשעס!

— נײן, ברודער בעריל! נאָר דיך נישט! דו ביזט אַ מאַנס־פּערשוין, דו ביזט אַ ייד, אמת; נאָר נישט דו ביזט דער מאַנס־פּערשוין, נישט דו ביזט דער ייד! דו ביזט עפּעס אַנדערש; דאָס איז נאָר אַ צולאָג, אַ צוגעגעבענע זאַך; אָבער נישט דו אַלײן...

— איך רעד מיר אײַן, אַז איך בין אַ בטלן, אַ משוגענער, אַ יתום, אַן אומגליקליכעס מאַנספּערשוין... נאָר בטלנים, משוגעים, יתומים זענען דאָ אַ סך, אפשר אַזוינע מאַנספּערשוינען ווי איך בין — ווענינער; נאָר דאָ איז, אַ דאגה, אפשר אין אַן אַנדערע שטאָדט, אפשר אין אַמעריקע, נו, זענען אַלע אײנס? חס ושלום, יעדערער פאַר זיך!...

— נו, ווער זשע בין איך, צו אַל־די שוואַרצע יאָהר!

— עס האָט געמוזט אין מיר אַרײַן אַ דבוק, עס מוז עמיץ זיצען אין מיר און קלערען איבער מיר, און מיר דאַכט זיך: איך אַלײן קלער! אַ והא ראיה, ווען איך אַלײן האָב כח (אַ גאַנצע וואָך, אויסער מאָנטאָג און דינסטאָג) האָט יענער אויף מיר קײן שליטה ניט, און איך קלער ווענינער! און באמת, די חקירה איז, אַז קײן שום מענש אין דער וועלט קאָן נישט קלערן זיך אַלײן! — ווי הײסט, איך וויל מיך משיג זײַן? איך וויל מיך אַרויסרײַסען פון מיר אַרויס, אַוועקשטעלען „איהם” אין אַ זײַט, „ער” זאָל קוקען אויף מיר! „איך”, „ער” זאָל קוקען אויף „ער” „איך”...

— חאַ, חאַ, חאַ! ווי הײסט! זאָל איך מיר נאָר בערעלבע־נען!... עפּעס ווערט מיר וואַרעם אין מוח!...

(ער איז צוגעלאָפען צו'ם כיור, אָבגעגאָסען זיך מיט קאַלט וואַסער, פון אונטערן אויבען אַרויסגעשרעפּט אַ שמאַטע, און שטײַף זיך אַרומגעבונדען דעם שטערן).

אַצונד וועט עס געהן. נאָך אַ מאָל!... איך וויל וויל וויסען ווער איך אַלײן בין...

— וואו זאָל איך קוקען, אַראָב צו אַרויף? רעכטס־צו לינקס?...

איך בין דאך אין מיר. ווען איך, למשל, קריך ארויף אויפ'ן ארון קודש בין איך אין גאנצען אויבען, איך וועל אונטען גארנישט איבערלאזען, לאז מיך לויפען אין קעלער אריין, וועל איך זיין אין גאנצען אונטען... ווי זשע קאן איך קוקען אויף מיר!?

היכא דמי?!

– ווער זשע זיצט אין מיר, ווער קלערט פאר מיר?

– און עפיס זיצט דאך פארט... חא?...

– איך וויים דאך, אז ווען עס זענען געלעגען ביי דער שמש'טע אומגעצעהלטע קיכלעך און איך האב שוין דריי טאג קיין מאכל ניט געהאט אין מויל, האב איך גאנץ שטארק חשק געהאט ארויבצושניפען א קיכעל... נאר איך האב געזאגט: ניין! מען טאר ניט! נישט מיין... דערנאך האב איך געפונען טויזענד תירוצים... „די שמש'טע האט גענוג פערדינט אן מיר, זי מאג מיר געבען א ציילאג", „איך זאל זי בעטען וואלט זי מיר אליין געגעבען" „איך וועל איהר מיט גאטס הילף אמאל בעצאהלען..." נור איך האב אלץ געזאגט: „ניין, מען טאר נישט"... און עס איז געבליבען נישט!... פריהר איז געגאנגען איינס נאכ'ן אנדערן, מיר האט זיך געדאכט, אז איך אליין פרעג און איך אליין ענטפער, נאר דערנאך, שפעטער א ביסעל, כאטש תוך כדי דבור, נאר דערנאך איז עפיס אנדערש געווארען, עס איז געוועזען צוואמען, יא און ניין, ניין און יא און וויטער ניין! עס איז געווארען א מחלוקת, און נישט איז געווארען, – ניט ווייל איך האב ניט געוואלט, אדער דעם חשק פערלארען! ניין, נאר די האנד האט זיך ניט געקענט ריהרען: זי האט ניט געוואוסט וועמען צו פאלגען... אוהא ראיה, איך בין דערנאכדעם עפיס שטארק מיעד געווארען, ווי נאך א גרוס מחלוקת, ווי נאך א גרויסען וכוח מיט יונה לאקש, וואס וויל מיר אלס איינרעדען, אז דער גאון זיצט אין גן עדן מיט א פערראצטע בארד, ווייל ער האט ניט געהאלטען פון חסידות!

– אזא פערד!... נאר מיעד בין איך געוועזען; איך דערמאן מיך גאנץ זיכער, זיכער! דאס אייגענע איז געוועזען פורים, ווען איך האב געטראגען פון פרץ פיינהאלץ, פון גביר, דעם רב משלח מנות. איך האב געהאט א פול מויל מיט וואסער, די צונג איז מיר

אַרומגעלאָפען אין מייל משוגע, ווי איך לויף ציינד אַרום אין ביהמ״ד. די הענד האָט מיר געציטערט; אַ שטיק טאָרט, מאַקאַראָנעס, עפּיס נאָך עטליכע מינים... איך נאַשער האָב געוואָלט, איך עהר־ליכער מאַן האָב בישט געוואָלט!...

— מען זאָגט: „יצר הרע״, „יצר טוב״, לאָז זיין אַזוי, אָבער סיי ווי סיי, בין איך נאָר אַ דירה וואו עס וואָהנען צוויי קאָמערניקעס, איינער הייסט: יצר טוב, און דער צווייטער — יצר הרע. ניט אַזוי? ווייטער די מעשה מיט די נעמען... אָבער ווער זענען זיי? ווער בין איך?!

— איך בין אַ דירה, איך בין דער גוטער קאָמערניק, איך בין דער שלעכטער קאָמערניק. אַלץ איך, און דערצו וויל איך וויסען ווער איך בין?! חאַ, חאַ, חאַ! — שאַ! נעכטען ערשט, דער עולם האָט געלאַכט, וואָס איך בין געבליבען שטעהן אויף איין אָרט, אפשר אַ שעה! איך ווייס וואָס איך בין געשטאַנען! איך האָב ניט געקאָנט געהן: מען האָט געהאַקט האָלץ אויפ׳ן שולהויף, האָב איך געוואָלט געהן פּרובען צי קאָן איך אַ פּאַליענע צעהאַקען, צי קאָן איך אַרבייטען... איך האָב אָנגעהויבען צוגעהן; עס איז געוועזען צוויי בענק: אין דער זייט אַ באַנק, אין יענער זייט אַ באַנק. דאָ דערצעהלט מען, אַז מען הייצט אין באָד, הייבט מיך אָן בייסען דאָס גאַנצע לייב און איך וויל צוגעהן צו מיין קעסטעל, אַרויס־שלעפען מיין בעזמ׳ל און געהן אין באָד אַריין... געגענאיבער האָט זרח מלמד דערצעהלט, יענקעל קעצלען, אַז אין „בעל עקדה״ איז דאָ אויף דער היינטיגער סדרא אַ פּלאי פּלאים דרוש און איך וויל טאַקי שוין וויסען, וואָס זרח מלמד איז געפּערען און צולויפען צו דער מזרח וואַנד און אַראָבחאַפּען דאָס ספר... בין איך טאַקי געשטאַנען! די פיס האָבען ניט געוואוסט וועמען צו פאָלגען: צי דעם בער׳ל חאַנטשעס, וואָס וויל געהן האָלץ האַקען, צי דעם בער׳ל חאַנטשעס, וואָס וויל געהן אין באָד אַריין, ווייל עס בייסט איהם, צי דעם בערל חאַנטשעס וואָס וויל וויסען, וואָס זרח מלמד איז געפּעלען!... בין איך טאַקי אַזוי לאַנג געשטאַנען, ביז איך האָב מיך דערמאַנט, אַז איך האָב נאָך קיין מנחה נישט געדאַווענט!

— נו, על כן? וואָהנען אין מיר שוין פיער פּערשוין! אַ האָלץ

העקער, אַ בעל־עקדה'ניק, אַ בעדער און דער לעצטער אַ מנחה דאַווענער, וועלכער האָט אַלע אַרונטערגעיאָגט אונטערן אויבען, זיי זאָלען קיין פּיפּיש ניט געבען, נאָר ער האָט צו שאַפען, און די פּים מיינע האָבען איהם געפאָלגט צוגעגאַנגען צו דער וואַנד און געדאַווענט!

— אַ שטיקעל אמת שטעקט דערינען... וואָרום זיי האָבען זיך נאָר בעהאַלטען אונטערן אויבען ערגעץ, אָבער זיי האָבען פון דאָרטען אַרויסגעקוקט... זיי האָבען געווינקען צו מיר... און האָבען מיך מבטל געווען: אין כ"ט'ן שמונה עשרה האָב איך אַלץ אין זינען געהאַט: האַלץ האַקען, שמייסען זיך אויף דער העכסטער באַנק אין באָד, און להבדיל בין אלף אַלפי הבדלות, זענען מיר געלעגען אין קאָפּ דעם בעל עקדה'ס דרשות אויך!...

— נו, אַ כלל? וואָס העלפט דער יצר טוב מיט'ן יצר הרע, אַז איך בין אַמאָל דריי, און אַמאָל פיער!

— ניין, ניין! איך פיהל, אַז "איך" אַליין בין עפּים אַ גאָרנישט! איך אַליין וואָלט גאָר ניט געלעבט. איך אַליין, ווען איך לעב אַפילו, וואָלט איך מיך אין דער פריה אַפילו פון דער באַנק ניט אויפגעהויבען, איך וואָלט געלעגען ווי אַ גולם עד סוף כל הדורות... איך בין טאַקי אַ גולם, איך האָב קיין נשמה נישט; נאָר אַלץ אַרום לעבט, אַלץ אַרום האָט אַ נשמה, און די נשמות לאָזען עפּים אַרויס אַזוינע לאַנגע, דינע, שפּיציגע פעדעמליך, שטראַהלען, וואָס כאַפּען זיך און טשעפּען זיך אין מיר; וואָס קריכען אין מיר אַריין, וואָס ריהרען מיך, שטעלען מיך אויף די פּים, הייסען מיך געהן, טהון, לויפען... איך אַליין בין גאָרניט!.

ווער דען'זשע קלערט? האַ? ווער זיצט אין מיר און קלערט? ווייטער אַ פרעמדער? נישט איך?

— נו, זאָל זיין אַ פרעמדער! ווער זשע איז ער? ווי קומט ער צו מיר? צו בין איך אַ שטייג און ער — דאָס פייגעלע?... דוד המלך, עליו השלום, זאָגט: יונתי מיין טייבעלע! — וויל דאָס טייבעלע האַלץ האַקען, אין באָד אַריינגעהן, אַראָבגנב'ענען פון'ם משלח מנות, אויסקשניפּען אַ קיכעל ביי דער שמשטע, און תוך

פּדי דבור זעהן דעם בעל עקדה'ס דרשה?... פֿע טײַבעלע, נישט שען! ביזט דו עס, מאָגסטו זיך שעמען!

— חאַ! חאַ! חאַ! בערל חאַנטשעס איז אַ טײַבעלע, אַ פֿויגע־לע! בערל חאַנטשעס האָט אַ קלײַן פּיסקעלע מיט פֿליגעלעך, בערל חנטשעס וועט אַמאָל אַרויספֿליהען פֿון דער שטײַג...

— נו, בערל חנטשעס, דעמאָלט וועסטו אויך קלערן ווער דו ביזט? אויך זײַן אַ יתום, אויך זײַן אַ בטלן, אויך זײַן משוגע?

— אַ ודאי! ווער דען? די שטײַג איז משוגע? די שטײַג איז אַ יתום?

— רבונו של עולם! ווער בין איך פֿאָרט?

משורר.

שטערן.

אַ העל־אויסגעשטערנטע זומער־נאַכט:

אַח, איהר העלע, אויסגעשטערנטע זומער־נעכט, פֿאַר וואָס זייט איהר אַזוי העל, אַזוי שען, ווען בײַ מיר אין האַרץ איז אַזוי אומעטיג און פֿויל?

פֿאַרוואָס איז בײַ מיר אויפֿ'ן האַרץ אַזוי אומעטיג און פֿויל, ווען איהר זייט אַזוי העל, אַזוי שען?!

איך לאַך אויס דער וועלט. זאָגען אַלע גרין, זאָג איך ווייס! אויף מײַן אייגען בלוט זאָג איך ווייס, נישט רויט, ווי אַלע זאָגען! ווער הערט זיי? לאַכענדיג שפּאַציר איך צווישען טויטע, צווישען לעבעדיגע בין איך טויט! בליהט בײַ איינעם אַ האָפֿנונג אין האַרץ, רײַס איך זי אויס און וואַרף זי אויפֿ'ן מיסט, און פֿון מיסט עפּיס אויפֿהויבען און קושען, און קניען פֿאַר'ן אָבשײַ — איז בײַ מיר אַ פֿערגניגען!

איך לאַך אויס דער וועלט, נאָר אויס העל אויסגעשטערנטע זומערנאַכט לאַך איך נישט!

זיס און הייליג זייט איהר, העלע אויסגעשטערנטע זומער־נעכט, חאָטש איך האָב לאַנג קיין הייליגקייט, און האָב דען געשמאַק פֿון זיסקייט פֿערלאָרען!

אין אַ שטילע, זיסע, העל־אויסגעשטערנטע זומער־נאַכט עפֿענט זיך אויף דאָס קבר אין שטיינערנעם האַרץ, און אַ לאַנג פֿערשטאָרבען פֿערלאַנגען וועקט מיך אויף...

לעבען, אַרגע לעבען וויל איך, נאָר אַ שטאַרק ריזיג רעבען זאָל עס זײַן — אַזוי לעבען אַ סעקונדע און פֿערשווינדען, אויפֿבליהען און פֿערלעשען! אין הימעל בעוועגט זיך אַ פֿינסטערע מאַסע אָהן אַ שטראַהל, אָהן לעבען; זי בעוועגט זיך צערשטרייט אין דער הייך: איין אונבעקאַנטע קראַפֿט יאָגט זי, און יאָגט זי אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און די פֿינסטערע מאַסע יאָגט זיך און שוועבט

אַלץ שנעלער און שנעלער. וואו אַהין? נאָך וואָס? דאָס ווייס זי
ניִשט, זי פרעגט ניִשט און פליִהט און איִן פליִהען צוהיִצט זי זיִך,
צופלאַמט און צופלאַקערט, און-פאַלט...
זי פאַלט, נאָר איִן פאַלען פלאַקערט זי און לייכט אַ סעקונדע!
אָך, אַ שטערן!

שלום עליכם.

בײַ'ן דאָקטאָר.

(מאָנאָלאָג).

— איך וויל אײַך בעטען, העֶרר דאָקטאָר, אײַן זאַך: איהר זאָלט מיר אויסהערען. דאָס הײסט ניט דאָס שלאַפֿקײט מײַנס זאָלט איהר אויסהערען, פֿונ'ם שלאַפֿקײט וועלען מיר שמועסען שפּעטער. איך וועל אײַך שוין אַלײן אויפֿקלערען, און וואָס עס בעשטעהט מײַן שלאַפֿקײט. ווילען וויל איך איהר זאָלט אויסהערען מיך אַלײן, וואָרום ניט אַ יעדער דאָקטאָר האָט ליעב אויסהערען דעם חולה, ניט יעדער דאָקטאָר לאָזט זיך רעדען. דאָקטוירים האָבען אַ טבע זיי ווײסען נאָר טאַפּען דעם דופּק, קוקען אויפֿ'ן זײגער, פֿערשרײַבען אַ רעצעפּט און נעהמען פֿאַר'ן וויזיט. אויף אײַך האָב איך געהערט זאָגען, אַז איהר זענט ניט פֿון די דאָקטוירים. איהר זענט נאָך ניט אַזוי לָהוט, פֿערברענט נאָכ'ן קערביל, ווי אַנדערע דאָקטוירים. בין איך דערפֿאַר, הײסט דאָס, טאַקי געקומען צו אײַך זיך מיט אײַך אַנ'עצה האַלטען מכּח מײַן מאָגען.

איך בין, ווי איהר זעהט מיך, אַ מענש מיט אַ מאָגען. על פּי חכמת הדאָקטאָריע קומט אפֿילו אויס, אַז יעדער מענש מוז האָבען אַ מאָגען, נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרען? אַז דער מאָגען איז אַ מאָגען, אָבער אַז דער מאָגען איז קײן מאָגען ניט, הײַנט וואָס טויג דאָס לעבען?

אַ מענש, כּל זמן ער לעבט, ווילט זיך איהם ניט שטאַרבען, חאָטש דעם אמת דאַרף איך אײַך זאָגען, אַז איך אַלײן האָב פֿאַר'ן טוידט כּלל קײן מורא ניט, וואָרום ערשטענס בין איך שוין אַרי־בערגעשפּאַנט ששים, והשנית בין איך אַזאַ מענש, וואָס לעבען און שטאַרבען איז בײַ מיר גלאַט אַלץ אײן יום טוב, דאָס הײסט לע־בען איז אודאי גלײַכער ווי שטאַרבען, וואָרום ווער וויל דאָס שטאַרבען, ובפֿרט אַ ייד! ובפֿרט אַ טאַטע פֿון עלף קינדער, זאָלען געזונד זײַן, מיט אַ ווײַב, חאָטש דאָס דריטע ווײַב, נאָר דאָך אַ ווײַב.

בקיצור, אַליין בין איך אַ קאַמעניצער, דאָס הייסט ניט פֿון קאַמעניץ גופֿא, נאָר פֿון אַ שטעטדיל ניט וויַיט פֿון קאַמעניץ, און בין, אַז אָך און וועה איז מיר, אַ ייד אַ מיהלנער, איך האַלט אַ מיהל האַלט איך, דאָס הייסט די מיהל האַלט מיך, וואָרום ווי זאָגט איהר, אַז מען קריכט אַריין ליגט מען, אַ ברירה האָט מען? ס'איז אַ ראָד פֿערשטעהט איהר מיך און עס דרעהט זיך! באַרעכענט זיך אַליין, אַז פֿאַר וויַיץ בעדאַרף מען צאָהלען מיט מזומנים? און מעהל מוז מען צוטהיילען אויף קרעדיט? אַ וועכסעל אַהין אַ וועכסעל אַהער, און צו טהון האָט מען מיט גראָבע נפֿשות, און מיט וויַיבער, איהר האָט עפּעס ליעב — וויַיבער? געה גיב זיי אָב דין וחשבון, אַלמאַי דאָס, אַלמאַי יענס? אַלמאַי עס איז ניט געראָטען ביַי זיי די חלה? וואָס בין איך שולדיג? אפֿשר, זאָג איך, איז ביַי אייך ווענים היץ, אָדער אפֿשר איז ביַי אייך געוועזען שלעכטע הייוען? אפֿשר איז ביַי אייך געוועזען, זאָג איך, נאַס האָלץ? פֿאַלט מען נאָך אָן אויף אייך, און מען מאַכט אייך מיט דער בלאָטע און מען איז אייך מבטיח, אַז דאָס אַנדערע מאָל וועט אייך פֿליהען די חלה אין קאָפּ אַריין... איהר האָט עפּעס ליעב אַז ס'פֿליהט אייך אַ חלה אין קאָפּ אַריין? דאָס זענען די קונה'טעס די אַחדים'ניצעס.

נאָר איהר מיינט אודאַי די קונים די האָרטאָוניקעס זענען בעסער? אויך ניט בעסער! לכתחילה אַז דער קונה קומט אין מיהל אַריין און וויל זיך מאַכען אַ קרעדיט, איז ער זוייך ווי אַ פּוטער, מיט טויזענד חניפֿה'לעך און קאָמפּלימענטען, האָטש נעם און לעג איהם צו צו אַ מכה; און נאָכדעם, אַז עס קומט צו'ם צאָהלען, הייבט זיך אָן אַ צעטעל פֿון טענות: דער טראַנספּאָרט איז איהם שפּעט אָנגעקומען, די זעק האָבען זיך צוריסען, די מעהל איז געווען ביטער, טוכלע, צוגעלעגערט הייסט עס, צרות מיט שרעקליכע חסרונות מיט זיבען און צוואַנציג תירוצים. „און געלד"? געלד, זאָגט ער, שיקט אַריין אַ חשבון! אַ האַלבער סוק הייסט דאָס. שיקט מען איהם מאָהנען, זאָגט ער: „מאָרגען". מאָרגען — „איבערמאָרגען". אַ נעכטיגער טאָג! הויבט מען איהם אָן סטראַשען מיט אַ פּראָטעסט און מען גיט אויף איהם איין. נו, און אַז מען גיט שוין איין מיינט איהר איז וואָס? האָט מען אַ „ליסט", און אַז

מען קומט מיט'ן „ליסט“ איבערשרייבען איז במילא אלסדינג אויף די ווייב'ס נאמען, און גיה רוף איהם קנאק־ניסעל!

נו. פרעג איך אייך, ביי אזעלכע געשעפטען, ווי זאל מען ניט האבען קיין „מאגען“? ניט אומזיסט זאגט צו מיר מיינע, חאטש זי איז ביי מיר ניט דאס ערשטע, זי איז דאס דריטע, און דאס דריטע ווייב איז דאך, ווי זאגט איהר, די זון אין שבט, נאר דאך אוועקמאכען קאן מען זי ניט, פארט א ווייב: „ווארף אוועק, זאגט זי צו מיר, נח, ווארף אוועק דאס מעהל געשעפט, לאז זיך עם אנצינדען מיט דער מיהל אינאיינעם, וועל איך אויך וויסען, אז דו לעבסט אויף דער וועלט!“ — ע־הע־הע! זאג איך, די מיהל זאל ווע־רען ברענען! זי איז גוט געסטראלירט“... „ניט דאס, זאגט זי, מיין איך, נח, איך מיין, וואס דו לויפסט ארום ניט קיין שבת ניט קיין יום טוב, ניט קיין ווייב ניט קיין קינד וואס? וואס פליהסט דו“?... פרעגט מיך בחרם, איך וויים אליין ניט, וואס איך פליה וואס זאל איך טהון, אז ס'איז ביי מיר אזא טבע צו אלדע רוחות? איך האב ליעב דרעהען! טאמער מיינט איהר מען האט עפעס פונ'ם דרעהען? צרות האט מען! וואס פאר א געשעפט איהר זאלט מיר ניט געבען, נעהם איך דאס אן, ניטא פאר מיר קיין שלעכטער בראנפען: זעק — איז זעק, האלץ — איז האלץ „טארגעס“ — איז „טאר־געס“, איהר קענט אודאי מיינען אז א חוץ דער מיהל האב איך שוין מעהר קיין געשעפטען ניט? האט איהר מחילה א גרויסען טעות! ווי איהר קוקט מיך אן, האנדעל איך מיט וואלד, מיט איינעם א שותף, וואס מיר האקען איהם, און שטעל צו פראוויאנט אין דער טורמע, און האב א חלק אין דער טאקסע, און דערלעג דוקא אלע יאהר צו איהר געלד, איהר וואלט זיך עם ווינשען פארדינען אלע חודש, איך בין אייך קיין שונא ניט. אי צו וואס דארף איך זי? קהל אויף צו להכעיס! איך בין, ווי איהר זעהט מיך, א גרויסער בעל־נצחון; ביי מיר צוליעב נצחון איז כדאי די גאנצע שטאדט זאל נעהן צו גרונד און אליין בעגראבען ווערען—אבי אויספיהרען מיינס! איך בין, ווי איהר זעהט מיך, א מענש דוקא אזוי זיך ניט קיין שלעכטער בטבע, נאר א גרויסער „קאפריז“, א „ספילשליוועך“ הייסט עס, מיך אז מען ריהרט אן אין

כבוד, איז חיות ניט זיכער, און דערצו בין איך נאך א שטיקעל עקשן אויך.

איך בין א בעלן געוועזן אמאָל, אין די גוטע יאָהרען, פאר אײַן „אתה־הראית׳לע" בײַ אונז אין בית־המדרש געהן ביז׳ן בלוט אַרײַן; דאָס בית־המדרש האָט מען פערמשפט — און איך האָב טאַקי אויסגעפיהרט מײַנס, וואָס זאָל איך טהון? ס׳איז בײַ מיר אַזאַ בלוט! ס׳איז בײַ מיר נערוועזן, זאָגען זײַ, די דאָקטױרים, און ס׳האָט, זאָגען זײַ, אַ שײַכות צו׳ם מאָגען, האָטש אַפילו על־פי שכל קומט דאָס אויס ווילד, ווארום וואָס געהער זיך אָן נערוועזן מיט מאָגען? אַ ביסעל אַ סמיכת הפרשה! וואו זענען די נערוועזן? און וואו איז דער מאָגען? נערוועזן זענען דאָך צומײַסטען, על־פי חכמת הדאָקטאָריע, דאַכט זיך דאָרט וואו די נערוועזן? און דער מאָגען איז דאָך גאָר ווײַס איך וואו, פאָלג מיך אַ גאַנג!... שאַט, אָט באַלד ענדיג איך, וואָס האַפט איהר זיך אַזוי זיצט נאָך אַ מינוט.

איך וויל דאָך אײַך אויסדערצעהלען אַקוראַט, איהר זאָלט מיך אויסהערען און זאָגען מיר, פון וואַנען האָט זיך גענומען צו מיר אָט דער דאָזיגער אומגליק. איך מײַן דעם מאָגען מײַן איך, אפשר איז דאָס פון דעם, וואָס איך בין נע ונד, בין קײנמאָל נישטאָ אין דערהײם, און אַפילו דעמאָלט ווען איך בין אין דערהײם, בין איך אויך ניט אין דערהײם. איך שווער אײַך בהן שלי — ס׳איז אַ געלעכטער צו הערען און אַ חרפה צו זאָגען — איך ווײַס ניט וויפיעל קינדער איך האָב און ווי אַזוי מען רופט זײַ. ס׳איז ניט גוט הערט איהר אָהן אַ בעל הבית און אָהן אַ טאַטען! איהר זאָלט אָנקוקען בײַ מיר אַ שטוב קײן עין־הרע מיט אַ פעראָנדיק! אַ שיף אָהן רעדער! טאָג ווי נאַכט אַ טאַרעראַם, אַ האַראַמידער, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן! אַ ווערטעלע אויסצורעדען קײן עין־הרע עלף קינדער פון דרײַ ווײַבער! בשעת דער טרינקט טעה, עסט יענער אָנבײַסען, און בשעת איך דאַווען, גלוסט זיך יענעם שלאָפען. דער קנײַפּט אַ בולקע, און דער וויל הערינג; דעם גלוסט זיך מילכיג, און דער שרײַט און אײַן קול פלײש! און אַז מע וואַשט זיך עסען, איז ערשט דעמאָלט ניטאָ קײן מעסער מיט וואָס אַ שטיקעל ברויט אָבצושנײַדען, און צווישען קלײנוואַרג איז אַ טומעל, אַ גיהנם, מיט

הריגות, חאָטש נעם לויף אין דער וועלט אַריין! און איבער וואָס? אַלץ איבער דעם, הערט איהר, וואָס איך האָב קיינמאָל קיין צייט ניט. און „זי", מיינע הייסט דאָס, איז קיין עין־הרע זעהר אַ גוטע, דאָס הייסט ניט אַזאַ גוטע, ווי אַ ווייכע, קאָן זיך ניט באַגעהן מיט קיין קינדער, מיט קינדער דאַרף מען קאָנען זיך באַגעהן. קריכען זיי איהר אויפ'ן קאָפּ, דאָס הייסט זי שעלט זיי אַפילו, קנייפּט זיי, רייסט זיי אויס שטיקער פלייש, נאָר וואָס קומט אַרויס? פאָרט אַ מאַמע, אַ מאַמע איז ניט קיין טאַטע; אַ טאַטע לעגט אַנידער און שמייסט אָפּ אַ קינד. איך ווייס, אַז מיין טאַטע האָט מיך געשמיסען, און אפשר האָט אייך אייער טאַטע אויך געשמיסען? וואָס זשע מיינט איהר? איז אַז וואויל צו אייך! איך ווייס ניט צו ס'וואָלט פאַר אייך געוועןבעסער, מען זאָל אייך ניט געוועןשמייסען... וואָס חאַפּט איהר זיך? איך ענדיג באַלד.

איך דערצעהל עס אייך ניט אומזיסט; דאָס איז צוליעב דעם איהר זאָלט פערשטעהן מיין אַרט לעבען, וואָס איך לעב. אפשר מיינט איהר, אַז איך ווייס וויפיעל איך פאַרמאָג? מעגליך, אַז איך בין אַ יוד אַ נגיד, און מעגליך אַז — צווישען אונז וועט עס דאָך מסתמא בלייבען? אַז איך בין אפשר דערונטער... איך ווייס? אַז טאָג ווי נאַכט איז נאָר געלאַטעט, ווי זאָגט איהר, די טאַפלע אַרויסגענומען, יענע טאַפלע אַריינגעשטעלט, — ס'איז עפּעס אַ תירוץ? צי מען קאָן, צי ניט, — נדן אַ קינד דאַרף מען געבען? ובפרט נאָך אַז גאָט העלפט טעכטער, און דערוואַקסענע דערצו! אַנו פּרובט האָבען דריי טעכטער דערוואַקסענע, קיין עין־הרע, אַלע אין איין טאָג צו דער חופה פיהרען, וועלען מיר זעהן, צי וועט איהר קאָנען איינזיצען אין דערהיים אַפילו אַ טאָג! היינט פערשטעהט איהר שוין, וואָס איז דאָס דרעהען וואָס מען דרעהט, מיט'ן פליהען וואָס מען פליהט? און אַז מען פליהט, חאַפּט מען אַ פערקיהלונג אין וואַגאָן, אַ בייזע וועטשערע אויף דער אַכסניא, וואָס מען קרענקט זיי נאָכדעם אויס. היינט די ריחות וואָס מען שמעקט זיך אָן, מיט דער שענער לופט, — מעג מען שוין האָבען אַ מאָגען: אַ שטיקעל גליק נאָר וואָס איך בין בטבע נישט קיין קראַנקער מענש, גוט פערפאַונדעוועט פון דער יוגענד, קוקט נישט אויף מיין סנאַסט, וואָס איך בין

אַזוי דאַר און טרוקען; דאָס האָבען מיר די געשעפטען אַזוי אויסגעטריקענט, און אַגב איז ביי אונז טאַקי אַזאַ „גדלע", אַזאַ וואוכס; מיר האַלטען זיך אַלע הויך און דין. איך האָב געהאַט עטליכע ברידער, זענען זיי אַלע געוועזען אַזוי ווי איך מיר צולענגערע יאָהר. פֿון דעסטוועגען בין איך, הערט איהר, תמיד געוועזען אַ געזונטער מענש, נישט געוואוסט פֿון קיין מאָגען און פֿון קיין דאָקטאָר און פֿון קיין שוואַרץ יאָהר, הלואי ווייטער. נאָר פֿון אַ צייט אַז ס'האָט מיר אָנגעהויבען שטאָפּען מיט רפואות, פּילען, פּראָשקעס און קרייטער, און איטליכער בעזונדער קומט מיט זיין המציאה: דער הייסט, איך זאָל עסען וואָס ווינציגער; און יענער הייסט, איך זאָל גאָרניט עסען, איך זאָל פֿאַסטען הייסט דאָס, זענט איהר שוין פֿאַרטיג? קומט צו געהן אַ נייער חכם אַ דאָקטאָר און זאָגט מיר אָן, איך זאָל דוקא עסען און אַ סך! אַ פּנים ער אַליין האַלט פֿון דער אכילה? אַלע דאָקטוירים האָבען אַזאַ טבע, אַז דאָס וואָס זיי האָבען ניט פֿיינד, דאָס הייסען זיי אויך דעם חולה.

אַ חדוש איז מיר נאָר, וואָס זיי הייסען ניט שלינגען קיין קערבליך?... משוגע צו ווערען פֿון זיי! איינער אַ דאָקטאָר האָט מיר געהייסען געהן אַ סך, גלאַט געהן אין דער וועלט אַריין, שפּאַנען הייסט דאָס; איז געקומען דער אַנדערער דאָקטאָר און הייסט מיר ליגען, און געה טרעף ווער פֿון זיי איז מעהר בהמה... וואָס דאַרפֿט איהר אַ סך? איינער האָט מיר געהאָדעוועט מיט „ליאַפּעס", כמעט אַ יאָהר בסדר מיט גאָלע ליאַפּעס! איך קום צו'ם אַנדערען, זאָגט ער: „ליאַפּעס? חס-ושלום ליאַפּעס איז פֿאַר אייך אַ סם המות"! — און ער געהט און פֿערשרייבט מיר אַ פּראָשעק, אַ געלען פּראָשעק. מסתמא ווייסט איהר וואָס דאָס איז פֿאַר אַ מין פּראָשעק? איך קום צו געהן מיט'ן געלען פּראָשעק צו אַ דריטען דאָקטאָר, חאַפּט ער ניט דעם געלען פּראָשעק און צורייסט ניט דעם רעצעפּט און פֿערשרייבט מיר ניט קיין קרייטער? אָבער וואָס פֿאַר קרייטער מיינט איהר? איידער איך האָב מיר איינגעוואוינט, הערט איהר, צו די דאָזיגע קרייטער, מעגט איהר מיר גלויבען, אַז די גרינגע גאַל האָט זיך מיר איבערגעקעהרט! ס'זאָל איהם אָנגעהן, דעם דאָקטאָר, האָטש האַלב, וואָס איך פֿלעג איהם אָנווינשען

בשעת איך פלעג זיי דאַרפען איינגעמען אַלע פאַר'ן עסען; איך פלעג מיך זעהן בשעת מעשה מיט'ן מלאך המות: נאָר וואָס טרינקט ניט אַ מענש צוליעב געזונד?...

צו'ם סוף לאָזט זיך אויס, איך קום צו יענעם דאָקטאָר, צו'ם ערשטען הייסט דאָס, וואָס האָט מיך געהאָדעוועט מיט „ריאַפּעס", און דערצעהל איהם די געשיכטע מיט די ביטערע קרייטער, וואָס פערזאומערען מיר דאָס לעבען, ווערט ער מלא רציחה און רופט זיך אָן צו מיר מיט אַ מין כעס, גלייך ווי איך האָב דאָ געקוילעט די קאַפּאָטע: „איך האָב דאָך אייך פערשריבען, זאָגט ער, ליאַפּעס, היינט וואָס לויפט איהר אַרום ווי אַ דולער פון איין דאָקטאָר צו'ם אַנדערען?" זאָג איך: „שאַט-שאַט! איהר זענט דאָך נישט איינער אויפ'ן יריד, קיין קאָנטראַקט האָט מען אייך ניט אונטערגעשריבען, און לעבען דאַרף יענער אויך, יענער האָט אויך אַ ווייב און קינ- דער!"... האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען אַ פייער, זאָלט איהר זעהן, גלייך ווי איך האָב איהם דאָ געזאָגט מי יודע וואָס! בקיצור ער האָט מיך געבעטען איך זאָל געהן צו יענעם דאָקטאָר. זאָג איך: „קיין עצות בעדאַרף איך ניט, אַז איך וועל וועלען, קאָן איך אַליין געהן", און נעהם און לעג איהם אַוועק אַ קאַרב. מיינט איהר אפשר, אַז ער האָט דאָס מיר אַ שמיץ געטהון אין פנים? אָבער גאָר לא! קערבלעך האָבען זיי ליעב. אָי האָבען זיי ליעב קערבליך, הערט איהר! אַ סך מעהר ווי מיר, פּראָסטע מענשלעך.

זיי זאָלען זיך אַוועקזעצען אַ שטייגער אויסהערען דעם חולה ווי ס'געהער צו זיין — דאָס איז ביי זיי נישטאָ, זיי לאָזען זיך ניט רעדען אַ וואָרט אַנ'איבריגס. אָט בין איך אַ מאָל געוועזען ביי איינעם אַ דאָקטאָר, טאַקי אייערער אַ בעקאַנטער, איך וויל איהם ניט אָנ- רופען ביי'ם נאָמען; איך בין נאָר אַריינגעקומען, נישט אויסגערעדט נאָך קיין צוויי ווערטער, אַהאַ ער הייסט מיר שוין אויסטהון זיך, איך בעט איבער אייער כבוד און איך זאָל מיך אַנידערלעגען אויף דער קושעטקע, וואָס איז? באשר ער וויל מיך אויסהערען. ווילסט מיך אויסהערען? זעהר גוט! הער מיך אויס! וואָסזשע לאָזט דו זיך ניט רעדען? וואָס טויג מיר דאָס טאַפּען וואָס דו טאַפּסט מיך! מיט'ן קלאַפּען וואָס דו קלאַפּסט מיך? ניין, האָט ער אָבער קיין צייט

ניט! עס װאַרטען, זאָגט ער, דאָרט אונטער דער טהיר נאָך מענ־שען, איטליכער מיט זײַן „אָטשערעד". ס'איז הײַנט געװאָרען בײַ אײַך אַ מאָדע „אָטשערעד" װי להבדיל אויפ'ן באַהן, אָדער אויף דער פּאָטשט בײַ די מאַרקעס... װאָס? איהר האָט אויך קײן צײַט ניט? בײַ אײַך איז שוין אפשר אויך אַ „אָטשערעד"? איהר זענט דאָך נאָך אַ יונגער דאָקטאָר! װי קומט איהר צו „אָטשערעד"? אַז איהר װעט זיך אָטאַזוי פיהרען הערט איהר, װעט איהר האָבען עגמת נפש ניט קײן פּראַקטיקע... און אין כעס בעדאַרפט איהר אויך ניט זײַן, איך האָב נישט געמײנט חלילה אומזיסט, איך בין נישט אַזאַ ייד, װאָס איך זאָל חס ושלום פערלאַנגען אומזיסט, און חאָטש איהר הײַט מיך ניט געװאָלט אויסהערען ביז'ן סוף, פון דעסטװעגען, אײנס צום אַנדערען געהער זיך ניט אָן, פאַר'ן װיזיט בעדאַרף מען אײַך בעצאָהלען... װאָס? איהר װילט נישט נעהמען?... — װײַל איך אײַך מיט געװאַלד ניט נויטען... געװיס האָט איהר פון װאַנען צו לעבען?... מסתמא לעבט איהר פון קופּאָנעס?... עס װאַקסט בײַ אײַך... נו, מהֶכָתִיתִי, זאָל אײַך גאָט העלפען, ס'זאָל בײַ אײַך װאַקסען און װאַקסען... אַדיע! האָט קײן פּאַראיבעל ניט טאָמער האָב איך בײַ אײַך צוגענומען צײַט... דערױף זענט איהר דאָך אַ דאָקטאָר...

אברהם רייזען.

די לעצטע האפנונג.

(עסקיז).

— אז איך זאל וועלען, קאן איך אריינגעהן צו חיים שווארצמאן, וואלט ער מיר געוויס געליהען עטליכע רובל, — ער איז מיינער א גוטער בעקענטער, ער וואלט מיר געוויס, געוויס געליהען, ער איז אנ׳עדעלער מאן...

אזוי פלעגט לייזער שטענדיג זאגען אין שטוב, ווען עס פלעגט אויסקומען זעהר ענג, ווען דער קאלטער ווינטער פלעגט זיך פלוצים אונטעררוקען און עס איז קיין האלץ ניט געוועזן; ווען עס פלעגט א פסח קומען און עס איז אויף קיין מצה ניט געוועזן, ווען עס פלעגט א קינד קראנק ווערען און עס איז אויף קיין דאקטאר ניט געוועזן...

ווען ער פלעגט דאס זאגען, פלעגט ער ניט קוקען די שטובינע אין פנים אריין. עס האט זיך געדאכט, אז דאס רעדט ער צו זיין בארד, אויף וועלכער ער פלעגט דאמאלס קוקען מיט ישוב הדעת און מיט דרך־ארץ. נאר זיין בארד האט דאס שוין פון איהם עטליכע מאל געהערט און פלעגט ניט נתפעל ווערען פון זיין זיכערען טאן. עס האט אויסגעוויזען, אז די בארד האט זיך שוין פון זיין רייכען גביר, זיין בעקענטען, לאנג מיאש געווען.

אנדערש אבער האט עס געווירקט אויף לייזער׳ס ווייב, חאשע, — זי פלעגט אן זיינע ווערטער זיך אנחאפען, ווי איינער וואס טרינקט זיך, אן א שטרוי, און פלעגט יעדעס מאל איהם דערויף ענטפערען:

— דו קאנסט נאר רעדען, טהון קאנסטו גארנישט — האלסטו טאקי א מאל אריינגעהן צו איהם! אט נעהם, טהו אן די שבת׳דיגע קאפאטע און געה אריין.

— ער וואלט געוויס, געוויס געליהען! פלעגט לייזער אליין

טענה'ן זיינם: מיר זענען אמאָל חברים געוועזן, ער וואָלט מיר דערקענט!... אַ חדוש, צי וואָלט ער מיר דערקענט! – פלעגט שוין לייזער העלערן דעם טאָן און אָנהויבען מיט אַנ'אַנדער ניגון – ווי לאַנג, אַז מיר האָבען זיך ניט געזעהן, מיינסטו?... עס וועט זיין סך הכל אַ...

– טאָ לעג טאַקי ניט אָב און געה שוין אַריין, – פלעגט דאָס ווייב איהם ניט לאָזען ענדיגען זיינע זכרונות: מען פאַלט דאָך שוין פאַר אַ גראָשען.

– ער וואָלט געוויס געליהען! – פלעגט לייזער, אָנשטאָט צו ענטפערן האַשען, אַליין רעדען צו זיין באָרד...

עס האָט אויסגעוויזען, אַז דער געדאַנק, אַז ער וואָלט איהם געוויס געליהען, איז איהם טייערער ווי דאָס געלד, און ער האָט די ליעבע האָפנונג ניט געוואָלט אַזוי גיך פערשווענדען פאַר עטליכע רובל.

– „זאָל זיך וואַלגערן די האָפנונג!" – פלעגט ער ווי בעשליעסען אין געדאַנק.

– נו, איז וואָס? דו געהסט, צי ניט? – פלעגט דאָס ווייב טרייבען איהם.

– לייהען וואָלט ער געוויס געליהען! – טענה'ט ער אַליין זיינם: נאָר איך וויל ניט געהן. איך האָב נאָך צייט! אפשר וועלען מיר זיך איצטער אַרויסדרעהען אָהן איהם... גאָט וועט העלפען...

רעדט און רעדט און ווי עס קומט צו טהון איז גאָרניכט – שאָקעלט האַשע מיט'ן קאָפּ, און איהר געקנייטשט-פּנים ווערט גע-קנייטשטער, און איהרע פערלאָשענע אויגען ווערען פערלאָשענער...

נאָר לייזערן פלעגט עס ניט אַרען: זי איז אַ יודענע! זי קען ניט פערשטעהן, וואָס הייסט עס אַ האָפנונג... וואָס וועט זיין שוין די פּעולה, אַז ער וועט געהן צום בעקענטען און לייען די עטליכע רובל?... זיי וועלען גלייך צעשלאָגען ווערען, און ער וועט בלייבען אָהן געלד און אָהן אַ האָפנונג... און אַז עס וועט ווייעדער קומען זעהר אַנ'ענגע צייט – (ווענינ ענגע צייטען האָט ער!) וואָס וועט ער דאַמאָלס טהון?... אָהן אַ שטיקעל האָפנונג אַפילו בלייבען?... משוגע קען מען ווערען!

— לייהען אָבער וואָלט ער געוויס געליהען! — ענדיגט ער הויך זיינע מחשבות און שמייכעלט.

נאָר דאָס ווייב ענטפערט איהם שוין ניט דאמאָלס, זי ווערט ברוגז.

— אַ נאַרישע יידענע, זי פערשטעהט גאָרנישט, גאָרנישט — לגמרי גאָרנישט... — לאַכט ער אין געדאַנק.

* *
*

אַזוי זענען פערביינעפלויגען פיעל יאָהרען. אין די פיעל יאָהרען זענען פיעל קאַלטע ווינטער'ס געווען, ווינטער'ט אָהן האָלץ, אָהן וואַרעמע־בגדים, אָהן גאַנצע שיך... אין די פיעל יאָהרען זענען פיעל פסח'ס געווען, וואָס האָבען מצה געפאָדערט, אין די פיעל יאָהרען זענען פיעל מאָל די קינדערלעך קראַנק געווען און האָבען אַ דאָקטאָר געפאָדערט, און עס איז ניט געווען פאַר וואָס צו רופען; אין די פיעל יאָהרען זענען אַ דריי קינדער געשטאָרבען און עס איז ניט געווען פאַר וואָס אין קאַלטע קברים'־ליך זיי אַריינלעגען, ווייל קברים'לעך פאַר קינדער קאָסטען אויך געלד — אַלץ האָט געטראָפען אין די פיעל יאָהרען, און לייזער האָט זיך געשטאַרקט און צו זיין בעקאַנטען גביר אַלץ ניט געגאַנגען. ער האָט נאָר אין יעדער ענגער צייט געטענה'ט: — לייהען וואָלט ער געוויס געליהען, נאָר איך וויל נאָך ניט אַריינגעהן... זאָל נאָך זיין... עס וועט צו ניץ קומען אַן אַנדערש מאָל...

לייזער, ביי וועלכען דער בייזער שונא — דאָס לעבען, האָט אַלץ אַוועקגערויבט, האָט ניט געקאָנט אַזוי גיך אונטערגעבען זיך מיט זיין לעצטער נחמה, מיט דער האָפנונג, און ביז דעם לעצטען טראָפען בלוט האָט ער זיך פערטהיידיגט פון שונא'ס נעגיל...

*
*

די לעצטע צייט אָבער האָט דער שונא איהם מיט שטורם גענומען, און לייזערן איז ענג געוואָרען, אַז ער האָט זיך ניט גע־קענט אַ קעהר טהון עס האָט זיך דער ווינטער אָנגערוקט, אַ קינד איז קראַנק געוואָרען, דאָס אייוועלע איז איינגעפאַלען, אַ בעט האָט

זיך צעבראָכען זיינע שטיוועל האָבען שוין מעהר קיין לאַטעס ניט געוואָלט צונעהמען, פון דער טהיר איז די קליאַמקע אַרויסגעפאַלען און פערלאָרען געוואָרען, און די טהיר איז אָפען געווען און אַ ווינד, אַ בייזער ווינד האָט אין שטיבעל אַריינגעבלאָזען... עס האָט אויסגעוויזען, אַז די נויט, די אַלטע מאוסע מכשפה, האָט איהם אָנגענומען מיט איהרע דאַרע, קאַלטע הענד, און האָט איהם דער־שטיקען געוואָלט. און ער האָט זיך געריסען פון איהרע אָרעמס, און רייסענדיג זיך אַזוי, האָט ער בעשלאָסען צו געהן צו זיין בעקאַנטען

— איך געה צו חיים שוואַרצמאַן לייהען עטליכע רובל! — האָט ער געמעלדעט אין שטוב.

גאָר אין זיין שטים האָט שוין ניט געקלונגען יענע זיכערקייט, אַז ער וועט געוויס לייהען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז עפּיס איז דורכ'ן טהיר אַרויסגעפלויגען. דאָס איז די האָפנונג אַרויס — זיין איינציג לעצטע האָפנונג...

ש. אַש.

אַ שבּת אין אַ שטעדטיל.

דער שבּת אַריינקום.

די זון האָט זיך שוין געטונקט אין דעם וואַסער'ל, וואָס איז אונטער דעם שטעדטיל. און האָט בּעגנגענדיג געקוקט אויפ'ן שטעדטיל — דער שבּת קומט אָן. זי געהט אַוועק... יונגען, בּעל עגלות האָבּען זיך פלינקער פון וואַסער אַהיים געאיילט, די געוועלבּער אין מאַרק זענען אַלע שוין פערמאַכט, אָבּגעוואַשענע ידען מיט שבּת'דיגע קאַפּאָטעס לאָזען זיך איבּער'ן מאַרק אין דעם שמאָלען שולנעסיל אַריין, פאַר ר' עוזר ווייַנשענקערס געוועלבּ שטעהט אַ ייד אַ שניידער מיט אַ געלע בּאָרד, האַלט עפּעס אונטער דעם אָרעם, און ער קלאַפּט אין טהיר אַריין: — „עפענט ר' עוזר", פון אינעווענינג הערט זיך אַ קול: — „עס איז שוין שפּעט". די פערבּייגעהענדיגע ידען שאָקלען מיט'ן קאָפּ אויף דעם געלען שניידער, טהייל בּרומען איילענדיג זיך: — נישט געקענט פריהער קויפען! און דער שניידער פערשעמט זיך, קלאַפּט שטאַרקער אין טהיר: — נו עפענט שוין!

צווישען די פערמאַכטע געוועלבּער ווייַזט זיך אַרויס אין עק מאַרק די אָפענע אַפּטייק פון דער צווייטער זייַט די אָפענע שענק, פון וואַנען עס הערט זיך אַ האַרמאָניע שפּיעלען, און די אָפענע געוועלבּער ווערען עפּעס פערשעמט פאַר די צוגעמאַכטע ידישע קרעמלעך, העלדען זענען זיי אין זייער דערוואַכענדיג לעבּען.

אין מאַרק בּלאָזט אַ לייַכט ווינטעל און דערהויבּט דעם שטויבּ. אין דער לופט פליהט דורך אַ גרינער, אויסגעטרעטענער בּלאַט פון שאַלאַטע, אַ שטיקעל פלים פּאַפּיער, פון איינ'אַנגעוויקעלט פלעשיל וויין; איינינגע ציגען שטעהען און עסען געשמאַק דאָס איבּערגעבּליבּענע גרינס פון די „שטעלען", בּיי דעם בּרונען אין מיטען מאַרק שטעהען אַ פּאָר גויים און גויעס נעהמען וואַסער. אין זייער דערוואַכענדיג אויסזעהען מאַכען זיי נעבּיך, דעם איינדרוק פון „קנעכט".

עפעס אַזוי ווי מען וואָלט פלוצים פון זייערע געזיכטער די מאַסקעס אַראָבגעריסען: גוֹיים, נישט געשטאַנען אויפ'ן באַרג סיני!...

פון די שוואַרצע הילצערנע „כורעים=בוקענדיגע" הייזלעך שיינען אַרויס די אָנגעצונדענע ליכט און קוקען מיט עפּעס אַ פרעהלעכדיגע הייליגקייט אין מאַרק אַריין, די פערחושכדיגע הייזלעך מיט די ליכטיגע שבת'דיגע פענסטער זעהען אויס ווי אָרעמע מחותנים, וואָס קומען אויף אַ חתונה אין צוריסענע בגדים...

אין דער שוהל=גאַס.

פון איין זייט שטעהט די הויכע אַריסטאָקראַטישע שוהל, פון די ברייטע פענסטער פינקלען די ברענענדיגע הענגלייכטער אַרויס, דעם חזנ'ס לכה=דודי אונטערגעהאַלטען פון זעקס משוררים הילעכט אין געסיל, געגענאיבער דער שוהל שטעהט דאָס בעל=הבתישע בית המדרש, פון די פערשטויבטע פענסטער שיינען זיך די ליכטלעך אַרויס און דעם שוחט'ס „לכה=דודי" פון בית=המדרש פערשעמט זיך פאַר'ן חזנ'ס קול. אין טהיר פון בית המדרש שטיפען ווייסע חברה'ניקעס אַרום, אורחים שפאַרען זיך צו דער טהיר, אַז מען זאָל זיי אויף שבת נעהמען.

אין דעם צווייטען האַלבען הויז פון בית המדרש וואָהנט דער רב. די פרומע רבי'צען שטעקט איהר שבתדיג, צנוע'דיג געזיכט אַרויס — אין די ווייסע שבת'דיגע הויב — זאָגט עפּיס די גאַס אָן: גוט שבת!

אין די חסידים=שטיבלעך האָט מען שוין מקבל שבת געוועןן, נאָר מען וואַרט מיט מעריב ביז עס וועט גוט שפּעט ווערען, דערווייל שפּאַצירט דער יונגער עולם אין די אַטלעסענע קאַפּאָטקעלעך אין די זיידענע גאַרטעלעך אין די גאַס; די דינע פאות'לעך ציטערען אויף די באַקען, און רוקען זיך אַליין נעהנטער צו, און רייבען זיך צו אַרום דעם צווייטען רעדעל „חתן=בחורים", וואָס געהען הינטער זיי שוין פּאַמעליכער, געלאַסענער און קוקען מיט גדלות אויף די „פריוו=בחורים", און די חתן=בחורים רוקען זיך אַליין נעהנטער און רייבען זיך צו צו דער חברה יונגע=לייטלעך, וואָס געהען נאָך פאַמעלעכער, נאָך געלאַסענער הינטער זיי. די יונגע=לייטלעך טראָגען שוין שאַריימלעך און דערווייטערן זיך פון די „חתן=בחורים" און

קוקען עפעס אויף זיי פון דער הויך, מיט רחמנות; נאך נישט קיין גאנצע יידען.

אויפ'ן צווייטען זייט געסיל, געהען צוערשט עטליכע יונגע מעדלעך מיט רויטע אבגעוואשענע פנימ'ר, שווארצע שבת'דיגע צעפ און ווייסע פארטוכלעך זיי געהען געלאסען, לויפען און קוקען זיך אלץ הינטער זיך צו דעם רעדעל „כלה־מעדלעך", וועלכע ווי־לען זיך אלץ צורייבען צו דעם רעדעל ווייבלעך, וואס געהען הינ־טער זיי נאך פאוואלער, נאך געלאסענער. די לעצטע טראגען טיפע שייטלען, מיט נייע שלאפראקען; זיי האלטען די קעפ פערריסען אין דער הויך און קוקען מיט גדלות אויף די כלה־מעדלעך, וואס געהען פאראויס פאר זיי און שטעלען זיך אלע מאל אב ווי ווארטענדיג אויף עפעס...

און א טונקעלער שאטען הילט שוין דאס שטעדטיל איין און ער לאזט זיך אוועק ווייט, און יידען געהען פון שוהל, פון בית המדרש אהיים, נאך טהייל שלעפט זיך א אורח מיט, און זיי געהען זיך אהיים, רוהיג, שבת'דיג.

ו. מ. דאָראָשעָוויטש.

„אֵלִיָהוּ הַנָבִיא".

פרייע איבערגעאַרבייט פון שלום-עליכם.

איינמאָל האָט זיך אליהו הנביא אַראָבגעלאָזען אויף דער ערד, זיך פערשטעלט פאַר אַ פראָסטען אָרעמאַן, געקומען אין אַ שטעדטעל און אָנגעקלאַפּט צו אַ געמיינעם בעל-הבית:

— איך בין מיד און געה אוים פון הונגער! לאָזט מיך אַריין!

האָט איהם דער געמיינער בעל-הבית געעפענט און אַריינגעלאָזט.

— שלום עליכם! זעצט זיך צו'ם טיש! וועט איהר עסען מיט אונז אינאיינעם.

און איטליכער האָט איהם אָבגעגעבען אַ שטיקעל פון זיין חלק, און דער אָרעמאַן האָט פערביסען.

נאָכ'ן עסען, האָט דער עולם גענומען בענטשען מזומן. אז ס'איז געקומען צו'ם „הרחמן הוא ישלח לנו את אליהו הנביא זכור לטוב", האָבען אַלע געזאָגט, און דער אורח ניט, איז דאָס געווען אַ חדוש.

— פאַרוואָס האָט איהר ניט געזאָגט „הרחמן"?

האָט זיך דער אורח צעלאַכט און רופט זיך אָן צו'ם בעל-הבית:

— איהר ווייסט ווער איז אייער אורח?

— פון וואַנען זאָלען מיר וויסען? אַנ'אָרעמאַן זעהען מיר אז איהר זענט.

— זאָלט איהר וויסען, אַז איך בין — אליהו הנביא.

איז דער בעל-הבית איהם געפאַלען צו די פיס און האָט זיך אָנגערופען צו'ם אורח מיט טרערען אויף די אויגען.

פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ כבוד? וויכציג גבירים, גרויסע לייט

פארהאן אויף דער וועלט? פארהאן א רב ר׳ יוזיפיל בײ אונז אין שטעדטיל, און א גבאי רב אהרן, און א נגיד רב משה. און די געטליכער מענש, האסט אויסגעקליבען מיך, דעם ארעמסטען פון די בעלי בתים. דאנק איך דיר, גרויסער נביא!

און דער געמיינער בעל־הבית האט איהם א קוש געטהון אין עק מאנטיל, און מען האט זיך געלעגט שלאפען.

א גאנצע נאכט האט זיך דער בעל־הבית געקאטשעט פון איין זייט אויף דער אנדערער, נישט געקאנט אנשלאפען ווערען. ער האט עפעס אלץ געקלערט און געקלערט. און אויך אויף מארגען איז ער א גאנצען טאג ארומגעגאנגען אין מחשבות׳ן און כמעט גארנישט געגעסען. ער האט זיך נישט געקאנט איינהאלטען און רופט זיך אן צו׳ם אורח:

— האב קיין פעראיבעל ניט, גרויסער נביא, איך וויל דיך עפעס פרעגען.

— פרעג, זאגט צו איהם אליהו הנביא.

— ס׳איז מיר א חדוש און איך קאן דאס ניט פערשטעהן — זאגט דער בעל־הבית — סטייטש, ס׳איז פארהאן אזוי פיעל גבירים אזוי פיעל גרויסע לייט אויף דער וועלט; פארהאן בײ אונז אין שטעדטיל, א רב ר׳ יוזיפיל, א גבאי רב אהרן און א נגיד רב משה, וואס דער רבי אליין שטעלט זיך בײ איהם אב, אז ער קומט צופאהרען. דארטען וואלט מען דיך מסתמא א ביסעל שענער אויפגענומען ווי בײ מיר, און צום סוף ביזט דו געקומען צו מיר, צו א געמיינעם בעל־הבית. נישט אנדערש אז איך בעדארף בײ דיר זיין אנגעלייגט.

האט אליהו הנביא א שמייכעל געטהון און געזאגט:

— יא, דו ביזט בײ מיר אנגעלייגט.

און דער בעל־הבית האט זיך אזש צעלאכט פאר פרייד.

— אזוי בין איך בײ דיר הייסט דאס יא אנגעלייגט?

קיינמאל האט זיך דער בעל־הבית אזוי גוט ניט געפיהלט ווי יענעם טאג. פארנאכט רופט ער זיך אן צו אליהו הנביא׳ן:

— איך דארף דיר אליהו הנביא, עפעס זאגען.

— זאג, מיין קינד, מאכט צו איהם אליהו הנביא — זאג.

— אַ פּנים אַז איך בין בײַ דיר שטאַרק אָנגעלײגט, װאָס דו ביזט צו מיר געקומען? האַ?

— יאָ, מאַלט צו איהם אליהו הנבֿיא.

— באַרעכען זיך — זאָגט װײַטער דער בעל־הבית — פֿאַרהאַן בײַ אונז אַ רב ר׳ יוזיפיל אין שטעדטיל, אַ גבאי ר׳ אהרן! אַ נגיד רב משה, װאָס װאָלט געמאַכט פֿון דײַנעטװעגען די גרעסטע סעודה און בעלײגט דיך אויפ׳ן שענסטען געלעגער, נעהמסטו און קומסט צו מיר, צו אַ געמײנעם בעל־הבית. די משמעות, אַז איך בין בײַ דיר אָנגעלעגט, שטאַרק אָנגעלעגט, אַ יאָ איך בין בײַ דיר שטאַרק אָנגעלעגט?

יאָ יאָ — זאָגט איהם אליהו הנבֿיא און שמײכעלט.

— נײן, דו זאָג מיר בעסער אַקוראַט, אַז איך בין בײַ דיר שטאַרק אָנגעלעגט! װאָס ענטפֿערסט דו מיר אַלע מאָל „יאָ“ און „יאָ“? דו זאָג מיר, װי אַזױ בין איך בײַ דיר אָנגעלעגט?

— זעהר, זעהר אָנגעלעגט! — זאָגט איהם אליהו הנבֿיא מיט אַ געלעכטער.

— אָבער טאַקי אָנגעלעגט װאָס אָנגעלעגט הײסט?

— שטאַרק, שטאַרק אָנגעלעגט! — זאָגט אליהו הנבֿיא

— נו איז גוט. אַצונד קום שלאָפֿען.

אויף מאָרגען איז אונזער בעל־הבית אויפֿגעשטאַנען נאָך פֿרעהליכער װי נעכטען. אַ גאַנצען טאָג אַרומגעגאַנגען און געזונגען. פֿאַרנאַכט, נאָכ׳ן עסען, טהוט ער אַ זעץ אליהו הנבֿיא׳ן איבער דער קניהע און מאַכט צו איהם אַזױ:

— הערסט, דו אליהו איך מײן, אַז דיר בעדאַרף זײַן שטאַרק אָנגעלעגט דאָס, װאָס איך בין בײַ דיר אָנגעלעגט? װאָס? זאָג נאָר דעם אמת, אַיאָ ס׳איז בײַ דיר אָנגעלעגט, אליהו?

— זעהר אָנגעלעגט! — ענטפֿערט איהם אליהו הנבֿיא מיט אַ שמײכעל.

— אַ חדוש אַביסעל! — זאָגט דער בעל־הבית — איך װײס דאָס פֿון זיך זעלבער; בײַ מיר אַפֿילו אַ הינטעל, אַז סע געפֿעלט מיר, בין איך מיט דעם צופֿריעדען. איז דאָך יענץ אַ הונד, און איך בין איך! דאָס בין איך, און דאָס ביזט דו, אליהו! איך שטעל פֿיר פֿאַר װי

דו ביזט צופריעדען, בשעת דו קוקסט אויף מיר; דו זעהסט פאַר זיך א מענשען, וואָס ער איז ביי דיר אַזוי אָנגעלעגט! דו וואַקסט, מיין איך, אין דער ברייט; איאַ, אליהו, דו וואַקסט?

— איך וואַקס, איך וואַקס — זאָגט צו איהם אליהו הנביא — נאָר לאָמיר געהן שלאָפען.

— ווילסט שלאָפען? לאָמיר געהן שלאָפען, ביי מיר האָסט דו געפּועל'ט.

אויף מאָרגען איז אונזער בעל־הבית געווען שוין ניט אַזוי פרעהליך ווי פריהער.

— וואָס ביזט דו אַזוי אומעטיג? — פרעגט איהם אליהו הנביא.

— איך טראַכט אַלץ — מאַכט דער בעל־הבית — איך טראַכט, וואָס וואָלסט דו געטהון א שטיינער, כדומה למשל, ווען איך בין ניטאָ אויף דער וועלט?

— וואָס הייסט, וואָס וואָלט איך געטהון? — מאַכט צו איהם אליהו הנביא פערוואונדערט.

— וואָס וואָלסט דו געטהון כדומה למשל אָהן מיר? זעהסט, וואָס אין דרויסען טהוט זיך? א ווינט מיט א קעלט און דער רעגען שמייסט. וואוהין וואָלסט דו א שטיינער אַריינגעגאַנגען? וואָלסט דאָרטען דערפרוירען געוואָרען אויף דער נעץ און אויף דער קעלט! און אַצינד זיצסט דו זיך אין דער וואַרעם און אין דער טריקעניש, עסט און טרינקסט, וואָס פעהלט דיר? און אַלץ איבער וואָס? איבער דעם, וואָס האָט זיך געפונען איין מענש אויף דער וועלט, וואָס איז ביי דיר אָנגעלעגט, און וואָס דו האָסט געקאָנט צו איהם אַריינגעהן. ביזט א גליקליכער מענש, אליהו, וואָס איך בין דאָ אויף דער וועלט, ביזט כ'לעבען איינער א גליקליכער! הערסט דו, אלי, וואָס איך זאָג דיר? ביזט א מוצלח. ווי איך בין א ייד!

מעהר האָט שוין אליהו הנביא ניט געקאָנט אַריבערטראָגען, האָט ער זיך צעלאַכט און איז נעלם געוואָרען.

אַז אליהו הנביא איז נעלם געוואָרען, איז אויף דעם אָרט וואו ער איז געזעסען, געלעגען א קופּע גאָלד; דאָרט איז געווען בלא גוזמא א פּאָר טויזענד שטיק גאָלדענע רענדליך.

דערזעהען אַזוי פיעל גאָלד, איז די בעל־הבית'טע שיער ניט

געפֿאַלען חלשות. זי האָט געגעבען אַ פּליעסק מיט די הענד און אויסגעשריגען אויף אַ קול:

— אוי, אַ דונער איז מיר! איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען! זעה נאָר וויפֿיעל גאָלד! איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטהון!

— שאַ, זעה נאָר ווי זי פֿירדערט אַביסעל! — מאַכט דער בעל-הבית, צעהלט איבער די רענדליך, טהוט אַ סמאָרע מיט דער נאָז און מאַכט מיט אַ וואָכעדיגער מינע: — ווייס איך, ס'איז גאָרניט אזאַ סך! אַ יידינע — באַלד ווערט זי נתפּעל!...

אַנטאָן טשעכאָוו.

ווי אַטשינאָווניק איז געשטאָרבען.

אין איינעם אַ שענעם אָווענד איז דער נישט־ווענינער שענער עקזעקוטאָר איוואַן דמיטריטש טשערוויאַקאָוו געזעסען אין טעאַטער אין דער צווייטער רייהע שטוהלען און געקוקט דורכ׳ן בינאָקל אויף די סצענע, וואו מען האָט פאָרגעשטעלט „די קאָרנעווילער גלאָקען”. ער האָט געקוקט און זיך געפיהלט העכסט גליקליך. אָבער פּלוצלונג... אין ערצעהלונגען בעגעגענט מען זעהר אָפט דאָס דאָזיגע „אָבער פּלוצלונג”. די אויטאָרען זענען גערעכט: דאָס לעבען איז אַזוי פול מיט אונגעריכטע אונגליקען. אָבער פּלוצלונג, הייסט עס, האָט זיך זיין געזיכט איינגעקנייטשט, די אויגען האָבען זיך האַלב פערמאַכט, דער אָטהעם איז פערהאַלטען געוואָרען... ער האָט אָבגעריסען די אויגען פון בינאָקל, זיך איינגעבויגען און... אַפּשיק!!! פשוט, ווי איהר זעהט, אַ ניעס געטהון. ניעסען איז קיינעם אין ערגעץ נישט פערבאָטען. עס ניעסען אַ פויערן, אַ פּאָליצמייסטערן, און אַמאָל זאָגאַר געהיים־ראַטען. אַלע ניעסען. טשערוויאַקאָוו איז גאָרנישט צעמישט געוואָרען, ער האָט זיך נאָר אָבגעווישט מיט׳ן נאָז־טיכעל און אַזוי ווי אַ העפליכער מענש האָט ער זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך: צי האָט ער נישט עמיצען בעאונרוהיגט מיט זיין ניעסען? אָבער איצט איז איהם שוין אויסגעקומען צעמישט צו ווערען. ער האָט דערזעהן, אַז אַן אַלטער מאַן, וואָס איז געזעסען פאַר איהם אין דער ערשטער רייהע שטוהלען, האָט זאָרגפעלטיג אָבגעווישט זיין פליך און זיין האַלז מיט זיין האַנדשוה און עפּעס געמורמעלט. אין׳ם אַלטען האָט טשערוויאַקאָוו דערקאָנט דעם שטאַטס־גענעראַל בריזשאַלאָוו, וועלכער האָט געדיענט אין דער פערקעהרס־וויעדאָמסטוואָ.

„איך האָב איהם בעשפּריצט! — האָט טשערוויאַקאָוו אַ קלער געטהון. — אַפילו נישט מיין נאַטשאַלניק, אַ פרעמדער אָבער דאָך עפּעס נישט שען. מען מוז איהם איבערבעטען”.

טשערוויאַקאָוו האָט אַהוסט געטהון, זיך אָנגערוקט מיט'ן קערפּער פאָרוועטס און האָט דעם גענעראַל געזאָגט שטיל אויפ'ן אויער:

— ענטשולדיגט, וואַשע־סטוואָ, איך האָב אייך בעשפּריצט... איך האָב נישט אומישנע...

— נו, נו, ס'איז גאָרנישט... גאָרנישט...

— אום גאָטעס ווילען, ענטשולדיגט. איך האָב דאָך... איך האָב נישט געוואָלט!

— אַח, זיצט בעסער, איך בעט אייך! לאָזט הערען!

טשערוויאַקאָוו האָט זיך פערשעמט, נאַריש אַ שמייכעל געטהון און האָט אָנגעהויבען קוקען אויף די סצענע. ער האָט גע־קוקט, אָבער גליקליך האָט ער זיך שוין נישט געפיהלט. אונרוהע האָט איהם אָנגעהויבען פּייניגען. בשעת'ן אַנטראַקט איז ער צוגע־גאַנגען צו בריזשאַלאָוו'ן, זיך אַביסעל אַרומגעדרעהט אַרום איהם, און ענדליך בייגעקומען זיין שעמעוודיגקייט און האָט אַמור־מעל געטהון:

— איך האָב אייך בעשפּריצט, וואַשע־סטוואָ. ענטשולדיגט... איך האָב דאָך... דאָך הייסט נישט...

— אַח, לאָזט שוין צורוה... איך האָב שוין לאַנג פערגעסען, און איהר קומט נאָך אַלץ מיט דאָס זעלבע! — האָט דער גענעראַל געזאָגט און אונגעדולדיג אָנגעהויבען בעוועגען זיין אונטערשטע ליפּ.

„פערגעסען און די אויגען פינקלען אַזש פון כעס, — האָט טשערוויאַקאָוו אַקלער געטהון, אַלס ער האָט מיט חשד אַ קוק געטהון אויפ'ן גענעראַל. — אַפילו רעדען וויל ער נישט. מען וואָלט איהם געדאַרפט ערקלערען, אַז איך האָב גאָרנישט געוואָלט... אַז דאָס איז אַ נאַטור־געזעץ, אַז נישט, קאָן ער נאָך מיינען, אַז איך האָב געוואָלט אַ שפּיי טהון, וועט ער איצט נישט מיינען, וועט ער עס שפּעטער אַמאָל מיינען!...“

אַלס ער איז געקומען אַהיים, האָט טשערוויאַקאָוו דער־צעהלט זיין פרוי וועגען זיין גראָבקייט. זיין פרוי, האָט זיך איהם געדוכט, האָט צו לייכטזיניג געקוקט אויף די זאַך; זי איז נאָר דער־שראָקען געוואָרען, אָבער דערנאָך, אַלס זי האָט זיך דערוואוסט,

אַז בריזשאַלאָוו איז אַ „פּרעמדער", האָט זי זיך בערוהיגט.

— פֿונדעסטוועגען טרעט אָב צו איהם און בעט איהם איבער, — האָט זי געזאָגט, ער קאָן נאָך מיינען, אַז דו ווייסט נישט ווי זיך צווישען מענשען צו האַלטען!

— אָט דאָס טאַקי קלער איך דאָך! איך האָב איהם איבערגעבעטען, אָבער ער האָט עפּעס מאָדנע... כ'האָב קיין איין רעכטען וואָרט נישט געזאָגט. און ס'איז טאַקי נישט געוועזען וועגן צו רעדען.

אויפ'ן צומאָרגענס האָט טשערוויאַקאָוו אָנגעטהון זיין נייעם וויץ־מונדיר, זיך געלאָזט אָבשערען און איז געגאַנגען צו בריזשאַלאָוו'ן ערקלערען... אַלס ער איז אַריינגעגאַנגען אין גענעראַלס עמפּפאַנגס־צימער, האָט ער דאָרט דערזעהן פֿיעל מענשען, וואָס זענען געקומען מיט ביטעס, און צווישען זיי טאַקי דעם גענעראַל אַליין, וועלכער האָט שוין אָנגעהויבען אָננעהמען די ביטעס. אַלס ער האָט אויסגעהערט עטליכע בעטערס, האָט דער גענעראַל אויפגעהויבען די אויגען אויך אויף טשערוויאַקאָוו'ן.

— נעכטען אין טעאַטער, אויב איהר געדענקט נאָך, וואַשעסטוואָ, — האָט דער טשינאָווניק אָנגעהויבען „דאָקלאַדעווען": — האָב איך במחילה אַ ניעס געטהון; און... נישט אומישנע בעשפּריצט... ענטש...

— ס'אַ נאַרישקייטען... איין גאָט ווייסט! וואָס ווינשט איהר — האָט דער גענעראַל זיך געווענדעט צו'ם צווייטען בעטער.

אַפילו רעדען וויל ער נישט! — האָט טשערוויאַקאָוו אַ קלער געטהון און איז בלייך געוואָרען. — הייסט עס, ער איז אין כעס... ניין, דאָס טאָר מען נישט אַזוי לאָזען... איך וועל איהם ערקלערען..."

אַלס דער גענעראַל האָט געענדיגט דאָס געשפּרעך מיט'ן לעצטען בעטער און האָט זיך געלאָזט געהן אין זיינע אינערע אַפּאַרטאַמענטען, האָט זיך טשערוויאַקאָוו אַלאָז געטהון צו איהם און האָט אָנגעהויבען מורמלען:

— וואַשעסטוואָ! אויב איך וואַג מיך צו בעאונרוהיגען וואַשעסטוואָ, איז דאָס טאַקי נאָר, קאָן מען זאָגען, פֿון חרטה־געפֿיהל!... נישט אומישנע, קאָן איך אייך פֿערזיכערן!

דער גענעראַל האָט געמאַכט אַ ווייַנענדיגע מינע אויפ'ן געזיכט און האָט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד.

— איהר מאַכט פשוט חוזק, ליעבסטער הערר! — האָט ער געזאָגט און איז פערשוואונדען געוואָרען הינטערן טהיר.

„וואָס פאַר אַ חוזק־מאַכען האָט ער דאָ? — האָט טשערוויאַקאָוו אַ קלער געטהון. — דאָ איז גאָר נישטאָ קיין חוזק־מאַכען! אַ גענעראַל, און קאָן דאָך נישט פערשטעהן! אויב אַזוי, וועל איך שוין מעהר נישט געהן זיך ענטשולדיגען פאַר אַזאַ פאַרשען מענשען! חאַפּט איהם דער טייוועל! איך וועל איהם אָנשרייבען אַ בריעף, אָבער געהן וועל איך נישט מעהר! בנאמנות, איך געה נישט מעהר!“

אַזוי האָט טשערוויאַקאָוו געקלערט, אַלס ער איז געגאַנגען אַהיים. קיין בריעף צו'ם גענעראַל האָט ער נישט געשריבען. ער האָט געקלערט, געקלערט און בשום אופן נישט געקאָנט אויסקלערען ווי צו שרייבען. עס איז איהם נישט געבליבען קיין אַנדער עצה ווי אויף צו מאָרגענס נאָך אַ מאָל אַריינגעהן ערקלערען...

— איך בין נעכטען געקומען צו בעאונרוהיגען וואַשע־סטוואָ, — האָט ער אָנגעהויבען מורמלען, אַלס דער גענעראַל האָט אויפגעהויבען אויף איהם פרעגענדע אויגען: — נישט אום חוזק צו מאַכען, ווי איירָ איז געוועזען בעליעבט זיך אויסצודריקען. איך האָב מיך ענטשולדיגט דערפאַר, וואָס מיט מיין ניעסען האָב איך במחילה אַ שפריץ געטהון... און חוזק מאַכען האָב איך גאָרנישט געקלערט... צי דען וועל איך וואַגען זיך חוזק מאַכען? אויב מיר וועלען חוזק מאַכען, וועט דאָך דאַן, הייסט עס, קיין עהרע צו די פערזאָנען... נישט זיין...

— פאַשאָל וואָן!! — האָט פלוצלונג אַ געשריי געטהון דער גענעראַל, וואָס איז אַזש בלוי געוואָרען און האָט אָנגעהויבען זיך טרייסלען פון כעס.

— ווי? — האָט שטילערהייד געפרעגט טשערוויאַקאָוו, וועלכער איז ווי פערשטיינערט געוואָרען פון שרעק.

— פאַשאָל וואָן!! — האָט דער גענעראַל ווידערהאָלט און האָט אַ טופּע געטהון מיט די פיס.

אין טשערוויאַקאָוו'ס בויך האָט זיך עפּעס אָבגעריסען.

נישט זעהענדיג און נישט הערענדיג מעהר קיין זאַך, האָט ער זיך געיאָזט צו׳ם טהיר, איז אַרויסגעגאַנגען אויפ׳ן גאַס און איז געקראָכען ווי אַ צעמישטער... אַלס ער איז מעכאַניש געקומען אַהיים, האָט ער נישט אויסגעטהון דעם וויץ־מונדיר, נאָר זיך גלייך געלעגט אויפ׳ן דיוואַן און איז... געשטאָרבען.

ש. אדלער.

עם רעגענט.

(צוויי בילדער).

I.

די מאדאם בלום.

ווי ליעב, ווי מחיה'דיג וואַרעם און ליכטיג איז דער טאָג! דער הימעל בלוי און קלאָר, ליגט פרעכטיג אויסגעשפרייט איבער דער שטאָדט, הויך און טיעף; דאַכט זיך, אַן'אונענדליכער תהום. לייכטענדיג, קייקעלט זיך די אָנגעגליהטע זון און שטעלט און בראָט מיט איהרע ברענענדיגע שטראַהלען.

נעבען פענסטער, ביי די אַראָבגעלאָזענע פאָרהאַנגען, שטעהט די מאַדאַם בלום אין אַ לייכטען, וויים־דורכזיכטיגען חאַלאַט, די ברוסט וויים דעקאָלטירט און די אַזוי אויך קורצע אַרבעל טיעף ביז איבער די עלענבויגען פערקאַשערט... ווייס, ווי שנעע, רונד אויס־געפילט, קרעפטיג זענען די דאָזיגע צוויי הענד און די, אויף־און־אָב זיך בעוועגענדע נאַקעטע ברוסט... אַ גליקליכע, צופריעדענע מינע איז אויסגעגאָסען אויף איהר ליכטיג פולען פנים, וואָס קוקט אַרויס, ווי איינגעראַהמט אין אַ חן'עווידיגע ראַהם פון טונקעל־קאַש־טאַנאָווע, אין אונאָרדנונג, נאַכלעסיג צעוואָרפענע האָר... מיט איין האַנד הויבט זי קוים־קוים אויף דעם ברעג פון אַראָבגעלאָזענעם פאָרהאַנג, און איהרע פערזשמורעטע אויגען קוקען אָנגעשטרענגט דורך דעם פענסטער אַרויס.

— ווי היים, ווי דומפיג!... — מורמלען איהרע ליפען, — ס'זאל נאָר ביי נאַכט ניט רעגנען!...

אַ שענעם געשטאַלט מאָהלט זיך אין איהר פאַנטאַזיע. צוויי טיעפע שוואַרצע אויגען קוקען פון ערגעץ אויף איהר אַזוי ליעבליך, געטריי און גוט... אַזוי זיס־וואַרעם ווערט איהר אין האַרצען... אַ

וואַרעמע ווייכע האַנד דריקט איהר פֿעסט־פֿעסט די האַנד, דריקט זי אָהן אויפֿהער און ציהט זי אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו זיך... אַ פּאָר רויזיגע זאַפֿטיגע ליפּען בעריהרען איהרע ליפּען און, ווי כשוף'דיג מורמלען זיי:

— אום צעהן אַ זייגער... הינטען אין גאָרטען... אין בלומענשטיבעל... אַלץ איז דאָרט גרין... פֿריש... עס שמעקט מיט תענוג... מיט נחת... מיט בשמים איז די לופֿט אָנגעזאַפּט... דאָס גראָז, די בלומען, די צווייגען, זיי מורמלען אַלערליי סודות... פֿון לעבען, פֿון גליק... קום הײַנט אַהין, מײַן טײַערע!...

אַ געהיימער, הייליגער שוידער, ווי אַן'עלעקטרישער שטראָם, לויפֿט איהר איבער אַלע גליעדער דורך.

— יאָ, לעאָן: הײַנט אום צעהנע... שעפּטשען, ווי אַן'עכאָ אויך איהרע ליפּען.

אַ צווייטעס געשטאַלט ערשײַנט פֿאַר איהר! איהר גראָבביינינגער מאַן סאַלאָמאָן בלום מיט זײַנע אונפֿרײַנדליכע אויגען, מיט זײַן הויכען גערונצעלטען שטערען און קרעפֿטיגע, מיט שאַרפֿע האָר בעוואַקסענע מאָרדע.

— אָראַנגאוטאַנג!... פֿוי!... בלאָזט זי מיט פֿעראַכטונג פֿון זיך...

2.

די וועשין.

אין אַ קליין הײַזעל הינטער דער שטאָדט.

איבער דער באַליע געבויגען שטעהט זי און איהרע מאָזאָליסטע הענד בעוועגען זיך אָהן אויפֿהער, רײַבענדיג און דרעהענדיג די ברודיגע וועש. בלויע, מיט בלוט אָנגעגאָסענע אָדערען ציהען זיך אין דער גאַנצער לענג פֿון דיעזע אויסגעאָרעוועטע הענד. דאָס פּנים איהר'ס איז לענגליך שפּיציג, און איבער די באַקען שטאַרצען אַרויס די ביינער, ווי צוויי שאַרפֿע שפּיצען. מיט אונרוהיגע אויגען קוקט זי, דאָ אויף די נאַסע וועש, דאָן אויפֿ'ן אָפּע־

נעם פֿענסטער, דורך וועלכען עס רייסט זיך אַריין אַ שטראָם פֿרישע לופֿט. איהר ברוסט בעוועגט זיך שווער־אָטהמענדיג און סטאַרענדיג זיך, וואָס מעהר פֿון דיעזען שטראָם לופֿט צו חאַפּען.

אַנ׳אונענדליכע לאָנקע גרינט זיך פֿון ווייטען, ציהט זיך ווייט־ווייט, ביז עפּעס אַ באַרג. דער באַרג איז דונקעל־געל, מיט זאַנגען בעדעקט. פֿויערען מיט שיקסעס, קליין, ווי די מוראַשקעס, גריבעלען זיך דאָרט, צווישען די זאַנגען, שניידען מיט זייערע לאַנגע קאָסעס און קרומע סערפּען די צייטיגע תבואה. הילכיג קלינגען זייערע מעלכטיגע רויהע שטימען אין דער אָנגעגליהטער לופֿט... יעדעס מאָל בליצט אויף דאָ אָדער דאָרט זייער׳ס אַ מעסער, גיט ווי אַ שנייד אין אויג געגען דער זון, אַז דאָס אויג נעהמט וועה טהון... פֿון אַנ׳אַנדער זייט ליגט ברייט און גרויס, דאַכט זיך גאָר אָהן אַ ברעג, דער טייך... רוהיג פֿליוסקען זיך די חוואַליעלעך ביי׳ם ברעג, קלאַפּענדיג און גלעטענדיג די נאַסע שטיינדעלעך. נאָר אין איין זייט איז דער טייך ניט רוהיג, דאָרט שטעהט אַ וואַסער־מיהל. מיט כעס דרעהט זיך אַלע מאָל איבער די גרויסע שפּיציגע האָלצערנע ראָד, מיטשלעפּענדיג מיט זיך מיליאָנען טראָפּען וואַסער. מיט רציחה קומט צולויפֿען אַ שטראָם וואַסער, וואַרפֿט זיך אַרויף אויף דעם אונגעהייערען ריעז, וויל איהם, דאַכט זיך אין שטיקער צוטראָגען: אָבער קאַלט, אָנגעבלאָזען, בעז דרעהט זיך דער דאָזיגער ריעז איבער איין מאָל, צוויי מאָל און אין שטיקלעך ווערט דער שונא צוריבען און מיעד, דערשלאָגען, אָהן כח, שוימט זי זיך ווייטער, די חוואַליע, מיט בענקעניש דערמאָנענדיג זיך, אַז דאָרט, ערגעץ הינטען, ווערט נאָך לאַנג־לאַנג אָנגעהן דער אונאויפֿהערליכער קאַמפּף צווישען איהרע חבר׳טעם מיט דעם אונגעהייערען הערצלאָזען, קאַלט־בלוטיגען שונא...

שוואַך אָבזופּצענדיג הויבט ענדליך די וועשין אויף איהר איינגעבויגענעם גוף פֿון איבער דער באַליע, געהט לאַנגזאַם צו צום פֿענסטערעל און פֿערקוקט זיך אויף די ווייטע כשוף־בילדער.

— ווי היים, ווי דומפּיג! — מורמלען איהרע ליפּען, — ס׳זאָל נאָר ניט רעגענען... אַזוי פֿיעל וועש... און מאָרגען מוז אַלעס געפּרעסט ווערען...

* *

*

שוועך אונערטרעגליך דומפיג איז אלץ מעהר און מעהר די לופט געווארען... עס איז שווער געוועזען צו אטהעמען... פון מעריב-זייט האבען זיך אנגעהויבען בעוועגען לייכטע וואלקענדלעך און לאנג-זאם מארשירט געגען דער אנגעגליהטער, מידער זון... וואס א מאל זענען זיי אלץ גרעסער געווארען, די וואלקענדלעך, טונקעלער, שווערער... אלע צוזאמען, ווי אבגערעדט, האבען זיי אנגעטרעטען אויף דער זון, א פאר מאל האבען זיי זי איינגעשלונגען, אבער נאך א שווערען קאמפף האט די זון זיך דאך ווידער דורכגעשלאגען א וועג און איז ווייטער געשוואומען. צום סוף אבער, איז זי שוין ניט מעהר בכח געוועזען זיך צו ראנגלען און, ווי אהן כח, איז זי פערשלונגען געווארען אין דעם בלייערנעם ים פון די אנגערוקטע חמארעס... און די חמארעס האבען זיך דערווייל אלץ מעהר און מעהר אויסגעשפרייט און טונקעל-גראה איז געווארען דער הימעל, ווי מיט טרויער איבערגעצויגען, און שווערע טראפען האבען אנגעהויבען טריפען ווי טרעהרען, פון דעם וויינענדיגען הימעל, אויף דעם גורל פון דער צו-פריה-פערגאנגענער זון...

און פון צוויי פענסטער האבען איינזאם צוויי פערשידענע פרויען-קעפ ארויסגעקוקט... אים טרויער איז אין ביידענס אויגען געוועזען אויסגעגאסען... מיט צובראכענע הערצער האבען זיי לאנג געקוקט אויף די פאלענדע גרויסע טראפען רעגען און זיי האט זיך געדוכט, אז יעדער טראפען פאלט צו זיי גלייך אין הארצען אריין און, ווי פייערדיגע פונקען זיי דארט געברענט און געבראטען...

— לעאן... פערצייהע מיר, לעאן! — האט איינע געקרעכצט — אזא גוס... ווי קען איך דען היינט קומען?...

— די וועש... וואס טהוט מען מיט די וועש? — האט די צווייטע געיאמערט. — מיין הארעוואניע... ע-עך גאטעניו!...

ארימע פרויען!...

און דער רעגען האט געגאסען און געגאסען.

יקיר ווארשאווסקי.

פון ביידע זייטען גרענעץ.

איינער אקעגען דעם אנדערען ליגען זיי די ביידע ברעגעס און קוקען זיך אן. נאר דער שמאלער פאס פון ווייכסעל צעשיידט זיי פאנאנדער.

די ביידע ברעגעס זענען צוויי פערשידענע לענדער: די זייט ווייכסעל געהערט צו פוילען און די צווייטע זייט — צו גאליציען.

און געשטעלט זענען פון ביידע צדדים שומרים, ס'זאל זיך חס־ושלום קיינער נישט אדורך גנב'נען די גרענעץ — די ווייכסעל.

אבער די נאטירליכע גרענעץ אליין, די ווייכסעל, ווייסט נישט פון די אלע געזעצען און הויכען אמט, וואס מען האט אויף איהר ארויפגעלעגט, און זי פליסט פאמעלעך, צעקראפט זיך און צעקושט זיך מיט די ביידע ברעגעס צוזאמען; זי ווייס קיין אונטערשיעד.

אויך דער הימעל, וואס הענגט איבער דער גרענעץ, ווייסט נישט פון די נייע געזעצען: ער הויבט זיך אויף פון דער זייט ערד און צעשפרייט זיך ווייט ווייט און לאזט זיך אראב צו דער ערד פון דער אנדערער זייט; אויך די פייגעלעך, זיי פישטשען און זינגען אויף יענער זייט גרענעץ און זייערע זיסע, צארטע טרעלען צעגיסען זיך אויף דער זייט, און ווערען פערשוואונדען אין א ווייטע עכא אויף די ביידע ברעגעס אינאיינעם.

פון דערווייטענס זעהען זיך די קליינע הייזלעך מיט די רויט־געפארבטע דעכלעך, וואס שטעהען אויף יענער זייט ווייכסעל; די רויטע פארב פינקעלט, גלאנצט ווי די שטראהלען פון דער זון, וואס שטעהט פונקט אין דערמיט ווייכסעל, די הייזלעך זענען איינגעטונקען אין א מאסע ביימלעך און גראזען, און פון די קוימענס שלאגט א לייכטער רויך, וואס הויבט זיך העכער, העכער און ווערט פערשוואונדען אין דער לופט.

אז די זון, דער ברען־קוגעל צעגיעסט זיך אויף יענער זייט אין א העליש־רויט פייער, שפיגעלט זיך אב דער הימעלשער־פייער־

דיגער ים אין דעם דעק פון דער וויכסעל, און די אויבערפלעכע צעשפיערט זיך דאן אין ברענענדיגע פלאמען, און די וועלען צעבריזגען און צעשיטען מיליאנען גין־גאלדענע פלעמלעך; דאן ווען די זון געהט אינגאנצען אונטער ווערען די בוימער, הייזער, די ווייכסעל מיט די גרענעץ־שומרים צוזאמען אויסגעמישט אין איין שטיק און איינגעהילט אין איין ריינעם דורכזיכטיגען נעבעל.

און אלעס פון יענער זייט ווינקט און לאכט צו דער זייט, די שויבען פון די פענסטער די שטיקלעך גלאז, וואס ליגען צעווארפען אויפ'ן פעלד, און די קאסעס און אקער־אייזענס פון די פויערען וואס בעארבייטען די ערד — אלעס פלאמט, שפריצט מיט מיליאנען גאלדענע שפיזלעך פייער און זיי רייצען און זיי ווינקען...

און אויך צוויי יונגע הערצער ווילען נישט וויסען פון די אבגעטיילטע גרענעצען; ער וואוינט אויף דער זייט, זי — אויף יענער זייט און דאך זייערע הערצער קלאפען שטענדיג צוזאמען און ציהען און רייסען זיך, דאס — אהין און יענץ — אהער...

און גאנצע טעג און גאנצע נעכט זיצט ער אויף דער זייט ברעג און הערט זיך איין, און קוקט צו איהר הייזעל, וואס שטעהט אויף יענער זייט ברעג.

און ווען ער זעהט א פייערל, וואס איז איינגעפאסט אין דער פינסטערניש פון דער נאכט ווייסט ער, אז דאס ברענט דאס לעמפעל אויפ'ן טיש פון איהר קליין צימערל; און אז אין דער פריה טהוט איהר פענסטערל גלאנצען און שעמירירען, ווייסט ער, אז דאס האט די ליעבע פריהלינגס־זון איהר דעם ערשטען שטראהל געשאנקען, וואס האט אויף איהר בעטל געטאנצט, און זי אין שטערען געקושט; און אז א קלינגענדע זילבערנע שטימע הערט זיך פון יענער זייט — ווייסט ער, אז דאס זינגט זי, דאס מעדעלע מיט איהר צארט חנו'דיג העלזעלע.

און אז די נאכט קומט אן און הילט איין אלעס אין א דונקעל'ן נעבעל און וויעגט איין אלעס אין קיהלע, לייכטע שאטענס; ווען פון אלעס וואס איז אויף ביידע ברעגעס ווייכסעל און אויף די ווייכסעל זעלבסט, יוערט איין שווארץ שטיק; ווען די לייכטע

נעבעלדיגע וויכסער-וועלען הייבען אן שעפטשען גודערן, סודען און פליסקען אן די ברעגעס — ווייסט ער אז דאס ברענגען זיי איהם א גרוס פון איהר ...

און לאנג, זעהר לאנג, שטעהט ער דאן און הערט זיך איין צו דעם פליעסקעריי און קושעריי פון די וועלען, און הייסע זודיגע טראפענס-טרעהרען פון גליק און בענקשאפט רינען פון זיינע מידע נישט-דערשלאפענע אויגען, פאלען אין וואסער אריין און מישען זיך אויס מיט די צארטע קושען פון די קיהלע שאטענדיגע וויכסער-וועלען ...

יעקב שטיינבערג.

ליעבע.

חיים בראָנשטיין — אַ יונגער מאַן פֿון אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג, וואָס האָט נישט לאַנג בעקומען אַ גוטע שטעלע אין וואַרשע, פֿאַר זעכציג רובל אַ מאָנאַט, — זיצט ביי זיך אינ'ם קליינעם צימערעל, וואָס ער פֿערנעהמט איינער אַליין, און טרינקט טהע. דאָס צימערעל איז שמאָל און לאַנג, נאָר בראָנשטיין'ס גוטע שטימונג הערשט אויך ביי איהם אין דירה. אויף די ווענד, אויף וועלכע עס זענען אָנגעקלעבט אַנזיכטס־קאַרטען, אויפ'ן קליינעם טישעל, וואו עס שטעהט אַ פֿיינער שרייב־געצייג און עס ליגען אַ פּאָר ביכער, אויף דעם זעלבען טישעל שטעהט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ מעדעל.

אַכט אַ זייגער אין אָווענד בראָנשטיין טרינקט פּאַמעלעך די טהע, בייסט צו, הערט זיך איין ווי עס פֿייפֿט דער ווינד אין דרויסען, און טראַכט בשעת־מעשה, אַז ס'איז גאַנץ גוט, וואָס ער האָט בעקומען אַ דירה אין דעם זעלבען הויף, וואו זיין קאַנטאָר איז. — די בעסטע און די וויכטיגסטע זאַך איז אַ פֿיין, וואַרם צימער, — טראַכט ווייטער בראָנשטיין, — ווי גוט וואָלט געווען, איך זאָל זיין אין איין שטאָדט מיט מאַשאַ'ן מיר וואָלטען איצט געזעסען ביי מיר אין דער וואַרם, געלייענט און געקושט זיך וואָס וואָלט אונז אָבגעגאַנגען?...

בראָנשטיין שטעלט אַוועק די גלאָז טהע נעהמט אין האַנד דאָס פֿאָטאָגראַפֿיע־בילד, קוקט זיך איין אין דעם אַ ווײַלע און נאָכדעם גיט ער אַ לאַנגען קוש דאָס קאַלטע גלאָז וואָס דעקט צו דאָס בילד. נאָך גליקליכער ווי פֿריהער ענדיגט ער איצט טרינקען די טהע פֿערראַוכערט אַ פּאַפּיראָס דרעהט זיך אַביסעל אַרום איבער'ן צימער און זעצט זיך צוריק אַוועק ביי'ם טיש. ער געהט שרייבען אַ בריעף דער געליעבטער זיינער, מאַשאַ'ן.

מאַשאַ איז אַ בלאָנדע חנעוודיגע מעדעל, וואָס האָט תמימות־דיגע ליבטיגע אויגען איהר פֿאָטער איז אַ פֿערמעגליכער בעל־הבית,

און פערליעבט האט זי זיך אין בראָנשטיינ׳ען דערפאר, וואָס ער איז אַ שענער און אַן „אָראַטער״. איצט פערנעהמט זיך בראָנשטיין זעהר ווענינ מיט אַמאָליגע זאַכען, — מיט פערזאַמלונגען, — נאָר מאַשאַ׳ס ליעבע צו איהם איז נאָך שטאַרקער ווי אַמאָל. אַזוי זע־נען מעדלעך.

בראָנשטיין רוקט צו צו זיך דאָס פּאַפּיער, נעהמט די פעדער אין האַנד, און הויבט אָן צו שרייבען:

„טייערע״!

„איך שרייב דיר אין מיין ליעבען, ליכטיגען, וואַרעמען צי־מער, נאָך דער אַרבייט. זיצענדיג אין מיין שענעם צימער, יעדען אָווענד, נעהם איך דיין בילד אין האַנד און קוק לאַנג, לאַנג אויף דעם. מיך נעהמט אַרום אַזאַ שטאַרקע, שטאַרקע בענקשאַפט, מיר ווייזט זיך אויס, אַז ווען דו זאָלסט איצט זיין מיט מיר צוזאַמען, מיין טייערע מיין געליעבט״ — —

מען קלאַפּט אָן אין טהיר פון׳ם צימער.

— אַריין! — זאָגט בראָנשטיין און דרעהט זיך אויס צו דער טהיר. דאָרט זעהט ער דעם שוואַרצען צושויבערטען קאָפּ פון׳ם דינסטמעדעל.

— איהר וועט טרינקען נאָך אַ גלאָז טהע? — פרעגט דער קאָפּ.

בראָנשטיין דרעהט די פעדער אין דער האַנד און ענטפערט:

— לאָז זיין נאָך אַ גלאָז טהע...

אַז די טהיר פערמאַכט זיך, שרייבט בראָנשטיין ווייטער:

„מיין געליעבטע, וואָלט איך דיר געגעבען אַזאַ גרויס, גרויס גליק. איך ווייס, אַז דו האָסט מיך ליעב, און איצט וואָלסטו גע־ווען אין גאַנצען, אין גאַנצען מיינע, און איך וואָלט געווען אין גאַנצען דיינער״.

דאָס דינסטמעדעל קלאַפּט ווידער אָן און שטעלט אַוועק נעבען בראָנשטיינ׳ען אַ גלאָז טהע. בראָנשטיין לענט אַוועק די פע־דער און גיט אַ קוק אויפ׳ן מעדעל. דאָס מעדעל בלייבט שטעהן און פרעגט:

— וועמען שרייבען זיי, אַ כלה?

— ניין, וואָס עפּעס צו אַ כלה? איך האָב נאָך נישט קיין כלה.

בראָנשטיין ווייסט אַליין נישט, פאַרוואָס ער ענטפערט אַזוי.

— דער הערר נאַרט מיך, — זאָגט דאָס מעדעל. זי איז רויט, ווי זי שעמט זיך, און שמייכעלט.

— פאַרוואָס נאָר איך אייך עפּעס? — פרעגט בראָנשטיין און לאָזט נישט אַראָב די אויגען פון דער מעדעל'ס רויטע באַקען.

וואָס, איך פערשטעה נישט, אַט אַ די... — ווייזט דאָס מע-דעל אויף דער פאָטאָגראַפיע.

— דאָס איז מיינע אַ שוועסטער, — זאָגט בראָנשטיין אַ ליגען. — איהר גלויבט נישט?

בראָנשטיין לעגט איהר אַרויף די הענד אויף איהרע פּלייצעס.

— איך גלויב... פאַרוואָס זאָל איך נישט גלויבען? וואָס וויל דער הערר?... שוין אַ וואָך אַז דער הערר איז דאָ און האָט זיך געפיהרט פיין... וואָס וויל דער הערר איצט?...

בראָנשטיין גיט איהר אַ קוק אין די אויגען און זעהט, אַז זי האָט די גאַנצע וואָך געוואַרט אויף דעם, וואָס דער הער וויל איצט. אין קאָפּ לויפט איהם דורך אַ געדאַנק: „וואָס טהו איך"? און מאַשאַ?..." און כּדי צו דערשלאָגען דעם געדאַנק, נעהמט ער גיך און גראָב אַרום דאָס מעדעל.

ביי בראָנשטיינ'ען אין קאָפּ קלאַפּט ווידער דער געדאַנק: „און מאַשאַ?" — און דערפאַר גיט ער אָהן טענית דאָס מעדעל אַ הויב אין דער לופט...

נאָר איצט רייסט זיך דאָס מעדעל אַרויס פון זיינע הענד. לויפט אַוועק און בלייבט שטעהן ביי דער טהיר. זי מאַכט צורעכט די האָר, קוקט אָהן כּעס אויף בראָנשטיינ'ען, און אַז זי געהט אַרויס, שמייכעלט זי און פרעגט:

— איהר דאַרפט מעהר גאָרנישט?...

בראָנשטיין ענטפערט נישט.

אַז דאָס מעדעל געהט אַרויס, דרעהט זיך בראָנשטיין אַרום אַ לאַנגע ווייַלע איבער'ן צימער. דאָס בלוט קלאַפּט איהם אין די שלייפען, און ער טראַכט גאָרנישט. אַז די קאָפּ ווערט איהם אַביסעל גרינגער, געהט ער צו צום טיש, נעהמט טרינקען די צווייטע גלאָז טהיי און קוקט אויף מאַשאַ'ס בילד, אַז ער טרינקט אויס די

גלאָז טהע, פערדרױלעכט בראָנשטײן װידער אַ פּאַפּיראָס, זעצט זיך, רוקט צו צו זיך דאָס פּאַפּיער, נעהמט די פעדער אין האַנד און שרײַבט װײַטער:

„איך האָב אין מיטען איבערגעריסען מײַן בריעף צו דיר: שוין האָט מיר געשטערט. איצט בין איך װידער אַלײן, איך מיט דײַן בילד, און מיר װײַזט זיך אויס, אַז נישט דײַן טוידטעס, שטומעס בילד שטעהט בײַ מיר אויפ'ן טיש, נאָר דו אַלײן, אַ לעבעדיגע, קוקסט מיר אַרײַן אין נשמה מיט שענע גוטע ליכטיגע אויגען".

„איך קוק אויף דײַן בילד און שרײַב. און מיר װילט זיך דיר שרײַבען אָהן אַנ'עק, שרײַבען, שרײַבען".

און בראָנשטײן שרײַבט און שרײַבט. אַז ער ענדיגט, שטעהט ער אויף, פער'חתמ'עט דעם בריעף, קוקט אויף מאַשאַ'ס בילד, און זײַן געזיכט איז אַ גליקליכעס. װי פריהער, גיט ער איצט אויך אַ קוש דאָס קאַלטע גלאָז, װאָס דעקט צו דאָס פאָטאָגראַפיע–בילד.

בראָנשטײן טהוט אָן דעם מאַנטעל און געהט אַרײַנװאַרפען דעם בריעף.

בעל=יאוש.

אַדראַמאַן אין פיער טייל.

ערשטער טייל.

טאָג ווי נאַכט האָט ער וועגען איהר געטרוימט, נאַכט ביי נאַכט איז זיין שלאָף געשטערט געוואָרען. פאַר זיינע אויגען האָט נאָר איהר שען הימלישעס געשטאַלט געשוועבט, זיין מח איז אויסגעלעערט געוואָרען מיט נאָר איין געדאַנק און טרוים; ער ליעבט זי מיט זיין גאַנצעם לייב און זעלע...

דערזעהן האָט ער איהר דאָס ערשטע מאָל — אויף דער „בערזע", דורך וואַנען ס'פלעגט איהם אויסקומען דורכצוגעהן יעדען פאַרנאַכט. זי איז געגאַנגען מיט צווי יונגע לייט „חברים". זיינע בליקען האָבען זיך דאַן מיט איהרע בעגעגענט; ער איז שטאַרק ענטציקט געוואָרען, און אין זיין האַרץ האָט זיך צופלאַמט אַ הייסע, שטאַרק=ברענענדע „ליעבע" צו איהר...

צווייטער טייל.

יעדען פאַרנאַכט האָט ער עטליכע שעה אויף דער „בערזע" שפאַצירט. ביסלעכווייז — בעקאַנטשאַפט געשלאָסען מיט די „חברים", און ביסלעכווייז — שוין פאַר אַ „פאַרטיי=מאַן" פערערעכענט געוואָרען און בעטייליגט זיך אין זייערע פערזאַמלונגען און „דיסקוסיעס". ענדליך... האָט ער אויך מיט „איהר" בעקאַנטשאַפט געשלאָסען, און שעה'ן לאַנג מיט איהר פערבראַכט. ער האָט מיט איהר וועגען די „הויכע אידעאַלען און שטרעבונגען" געשפראָכען, זעלטען ווען פלעגט צווישען זיי אויסברעכען הייסע פייער=ברענענדע „דיסקוסיעס", ווען זי פלעגט זיך שאַרף צוהיצען און מיט די הייסעסטע ווערטער פרובירען איהם איבערצייגען אין דער וואַרהייט פון איהרע „אידעאַלען". — נאָר אין אַזעלכע מאָמענטען פלעגט ער באַלד ווערען ווייך און נאַכגיעביג...

... נִיט לאַנג האָט געדױערט, און ער האָט פֿאַר איהר זײַן הארץ געעפֿענט... און איהר ליעבע ערקלערט.
זי האָט געשמײכעלט...

דריטער טײל.

טאָג װי נאַכט האָט ער װעגען גליקליכען „ציעל" געטרוימט און מיט יעדען טאָג, װאָס איז פֿערשװאונדען, האָט ער זיך אַלץ גליקליכער געפֿיהלט, נעהנטער צום „ציעל" זיך גערעכענט...

פֿיערטער טײל.

איינמאָל פֿאַרנאַכט האָט ער מיט אַ „חבר" אַרומשפּאַצירט אויף דער „בער.ע". זײ האָבען װעגען פֿערשיעדענעס געשפּראָכען, װעגען פֿערשיעדענע רעװאָלוציאָנערע „העלדען" געשמועסט, דער „חבר" האָט אויסגעשריען מיט ענטציקונג:

— „אָ! דער הײסט אַנ'אמת'ער „העלד"!

— װער?

— דאָס מבלמר'שטע „פֿרײלײן", מיט װעלכען דו שפּאַציערסט אום אַזױ אָפֿט...

— אַ העלד!? — ער האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען און אָנגעקוקט דעם „חבר" פֿערװאונדערט...

— װאָס דען? אַװדאי אַ „העלד"! — אַ קלײניגקײט, ער איז ענטלאָפֿען פֿון קאַטאָרגע, און זיך „איבערגעטהון" אין קלײדער פֿון אַ „פֿרויענצימער"...

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

מענדעלי מוכר ספרים.

שבת-צו-נאכטיגע פאליטיק.

(א בילד פון פערצייטען).

ס'איז ווינטער, שבת=צו=נאכט, נאך הבדלה. אויפ'ן „לוטשניק" אונטערען קיימענדיל ברענט פרעהליך א פייעריל, וואס פון צייט צו צייט ווערט עס אונטערגעהאלטען מיט דינע טרוקענע שפענדליך. דעם פייעריל א קעגען, ביי א טיש, צוגערוקט צו דער ווארימער הרובע, זיצט דאס הויזגעזינד; א שכנה פון דער צווייטער שטוב, פול מיט נייעס ווי א פויק, איז אויך דא; מען ווארפט זיך איבער מיט א ווארט און מען פליקט פעדערען, און דערביי טאקי לייענט איינער פון די קינדער פאר די מעשה פון יוסף הצדיק מיט די ברידער אויף עברי טייטש; מען האט הנאה — מען וואונדערט זיך אויף די גבורות פון יהודה: פון זיינם א געשריי ווערט שיעור נישט א תל פון גאנץ מצרים! די קאץ זיצט זיך צושארענדיג צו'ם אויבען, לעקט א לאפקעלע, מאכט מיט די אויערלעך און האט, ווי עס זעהט אויס, אויך הנאה. אין אויווען הייצט זיך, עס קאכט זיך וועטשערע. נאר קודם כל זידט דארט א טעפעל קארטאפליעס אויף איבערצוחאפען דערווייל. רבי חיים געהט הין און צוריק איבער דער שטוב, נאך אין דער שבת'דיגער קאפאטע און זינגט זיך „אליהו הנביא" מיט גרויס געפיהל. און ווי ער לאזט אויס דעם סוף „במהרה יבוא אלינו" — גיך און באלד קומט ער צו אונז, עפענט זיך די טהיר, און לייטישע מענשען פונ'ם שטעדטיל קומען אריין — א גוטע וואך, א גוט יאהר!

און דאס פערשטעהט זיך אליין, אז לייטישע מענשען גיבען איינער דעם אנדערען אב כבוד ביי'ם אריינקומען, האלטענדיג א שעה אפען די טהיר אפילו ווינטער, נאר אומצוקומען דערווייל אין שטוב פאר קעלט, אזוי אויך ביי'ם זעצען זיך. ס'איז אוועק היבש צייט אין רוקעניש, אין ווינקעניש, אין בעטעניש, פראנטענ-

דיג זיך דערווייל דער יענעם אונטער די פיס, ביז די לייטישע מענשען האבען זיך לסוף אויסגעזעצט. שרה איז מכבד די געסט גאר פריינדליך מיט טרינקען „שפעציעס"–מיני קרייטעכער, וואס א כפרה פאר זיי טהע- און מיט שטיקלעך קאנדעלצוקער, וואס א כפרה דערפאר היינטיגער צוקער... מען זיצט זיך, מען בלאזט און מען טרינקט. איינער פערדרייכערט זיך די פיפקע–א פארצעלייען רולקעלע מיט א זילבערען דעקעל און א לאנגען געפלאכטענעם ציבעך. א פאר הוסטען זיך אויס, טאפען זיך ביי די נעז, ביי די בערד און עס הויבט זיך אן א שמועס. אהין אהער, דאס אביסעל, יענץ אביסעל, ביז מען קומט ארויף לסוף אויף אזא מין שמועס:

– אח=חא=חא, די גזירה פון די קליידער איז דאך טאקי א מיאוסע זאך!–מאכען אלע מיט א זיפץ–יידען זאלען זיך אנטהון דייטש! א קארטוז מיט א דאשעק!... ס'איז דאך עפעס משונה א שרעק! און געוואלד צו וואס, רבונו של עולם, צו וואס?!... וואס קען „זיי" דארט, זיי, וואס קען ארויסקומען דערפון, אז יידען וועלען זיך שוין יא אנטהון דייטש?... עס מוז דאך זיין עפעס אליץ מיט א גאנג.

– מען שמועסט, דרינען שטעקט א שפיצעל–רופט זיך אן מיט א קנייטשעלע יענער, פונ'ם פיפקעלע פארציהענדיג זיך שטארק און ארויסלאזענדיג פונ'ם מויל רינגעלעך רויך–וואקסען זאל עס גאר וואקסען... פון וועמען מיינט איהר?–פון מאנטיפיורען.

– גאט איז מיט אייך, רבי בער! וואס רעדט איהר?

– אט דאס, וואס איהר הערט. אבער רבי ברוך הלל'ס מעג מען גלויבען? ער קומט ערשט פון די ירידען און האט דארט מיט זיינע אייגענע אויערען...

– איך האב אויך עפעס אזוינס געהערט–פאלט אריין אין די רעד א ריהרעוודיגער, צאפלדיגער ייד, פערבייטענדיג א ליפ–הא, ווארט נאר ווארט, וואס האב איך געהערט?

– שלאגט נישט איבער, ר' יוסל–מאכט דער עולם–שא!... אנו, ר' בער?

– מען שמועסט, הייסט עס–הויבט אן רבי בער געלאסען, פאמעלעך און קייעט איטליכעס ווארט, ביז ער ברענגט עס ארויס

פֿון מויל — אָט וואָס: אַז מאַנטיפֿיורע האָט געזעהן ס'איז פֿע... איז ער געקומען מיט אַזאַ מין פּראָיעקט: אַדוני מלך, זאָגט ער, פֿערקויף מיר דיינע יידען. איך וועל געבען פֿאַר זיי אַזוי פֿיעל און אַזוי פֿיעל מיליאָן.

— הונדערט טויזענד, האָב איך געהערט, הונדערט טויזענד מיליאָן! — פֿאַלט רבי יוסל וויטער אַריין אין די רעד. געמיינט נישט אַזוי די סומע געלד, ווי אַרויסצווייזען דאָ דעם עולם, אַז ער ווייסט אויך וואָס טהוט זיך אויף דער וועלט נישט ערגער פֿון אַנדערע.

— מילא וואָס מאַכט עס — טהוט רבי בער אַ זאָג, פֿערדרעהענדיג מיט דער נאָז, און דערצעהלט וויטער — „מהיכא תיתי"! ענטפֿערט דער מלכות בקיצור, מען מאַכט טאַקי באַלד אַ תקיעת־כף, און מאַנטיפֿיורע גיט דערווייל אַנ'אַ דערויף.

— חלילה, הונדערט טויזענד מיליאָן באַלד טאַקי, באַלד במזומנים — צעשאָקעלט זיך רבי יוסל, ווי ביי'ם שפּאַרען זיך מיט עמיצען איבער אַ שטיקעל גמרא.

— אי, זייט־זשע מוחל. רבי יוסל, שאַ! — בעטען איהם אַלע מחילה, ער זאָל שווייגען.

— בקיצור ער גיט דערווייל אַנ'אַדעראָף — דערצעהלט רבי בער וויטער, רוהיג געלאַסען, נישט מאַכענדיג זיך אוים רבי יוסיל'ס רייד — והמותר איז ער זיך מתחייב סילק'ען צום טערמין ביי'ם נעהמען די סחורה, די יידען הייס דאָס. דערמיט איז מען זיך צוגאַנגען: „זייט געזונד — פֿאָהר געזונד!" נאָך אָנבייסען געהט זיך דער מלכות, ווי דער שטייגער איז, אין סענאַט און איז שטאַרק אויפֿגעראָמט. — „אַדוני מלך", פֿרעגט איהם דער מיניסטער, „וואָס איז די מעשה, וואָס דו ביסט היינט אַזוי אויפֿגעראָמט? — „אַזוי און אַזוי", — ענטפֿערט דער מלכות מיט אַ שמייכעלע, — געמאַכט אַ געשעפֿטעל, פֿאַר אַזויפֿיל און אַזויפֿיל פֿערקויפֿט היינט מיינע יודלעך".

„אַדוני מלך"! — טהוט זיך אַ חאַפּ דער מיניסטער זעהר דערשראָקען, „וואָס האָסטו געטהון? ס'איז אַ מקח טעות!..." און באַלד טאַקי פֿיהרט ער איהם אַרויס פֿון די קאַנטאָרסקע ביכער אַ קלאָהרען חשבון, אַז דאָס פּראָצענט, וואָס אַזאַ סחורה, י י ד ע ן הייסט עס, טראָגט איין אין אַ געוויסען צייט יאָהרען, טרעפֿט העט־העט מיט

אַ שטיצעל אַריבער דעם מקח פאַר דער גאַנצער סחורה. — „וואָס זשע טהוט מען?— מאַכט דער מלך. „גערעדט איז דאָך גערעדט און פון אַ מלכות אַ וואָרט איז דייך אַ גזירה אַדרבה זאָג, האָסט דאָך אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, פאַל עפּעס אויף אַ סברה?!" „אַדוני מלך"!— רופט זיך דער מיניסטער אָן, נאָכדעם ווי ער האָט אַ ווײַלע גע־טראַכט, — „ס'איז דאָ אַן עצה. — גיב אַרויס אַבעפעהל, אָבער טאַקי באַלד, יידען זאָלען זיך אָנטהון דייטש".

„גראַם — שטראַם" — מאַכט דער מלכות — „וואָס איז דאָס שייך מיט רערמיט?" — ס'איז יאָ שייך!" — זאָגט דער מיניסטער האַלב עפּעס אויפ'ן וואונק — „ווי באַלד דייטש איז דאָך שוין, פערשטעהסטו מיך, גאָר עפּעס אַנדערש..." —

„אַ אַ, שכל'דיג" — גיט זיך דער מלכות אַ חאַפּ, — דו ביזט ווערט אַ גאָלדענעם מענדאַל!" — הערט זשע, רבותי, דעם שפּיטץ— מאַכט רבי בער נעהמענדיג זיך אויסרייניגען מיט אַ דרעטעלע דאָס פּיפּקעלע פונ'ם אש — אַקוראַט צום טערמין קומט מסתמא מאַנטיפיורע...

— ניין, נישט אַזוי, ער קומט נישט, ער לאָזט פריהער מעל־דען — קאָן זיך רבי יוסיל נישט איינהאַלטען, צעשאָקעלט זיך און פאַלט ווידער אַריין אין די רעד.

— שאַ, זייט=זשע מוחל! האַלט זיך איין אַ ווײַלע און שלאָגט נישט איבער, רבי יוסיל! — בעט דער עולם, וואָס איז זעהר טשיקאַווע צוהערען דעם סוף — נו, רבי בער, נו — נו?!...

— קומט ער, הייסט עס — הייבט רבי בער אָן ווייטער דעם שמועס, ציהענדיג די ווערטער ווי יענעם אויף צוקערבעים און שמאַ־כענדיג פאַר הנאה — קומט ער, אַזוי ווי איך זאָג אייך דאָ, צו'ם טערמין און מאַכט כהאי לישנא: אַדוני מלך! נאַ דאָס מותר געלד און לאָמיך, כפי השליש=צעטעל, נעהמען די סחורה — יידען הייסט עס —. „אָך", מאַכט דער מלכות, „מהיכא תיתי... געה דיר, זיי מוחל, און וואו דו וועסט דערזעהן אַ יידען, נעהם דיר איהם, בשם אלהי ישראל, די סחורה דיינע"... מאַנטיפיורע לאָזט זיך לאַנג נישט בעטען און געהט. ער געהט אין איין שטאָדט — נישטאָ, נאָך אין אַ שטאָדט — נישטאָ. בקיצור אין ברדיטשוב — אויך נישטאָ.

קיין סימן נישטא פון א יודען. אלע יודען זענען אנגעטהון דייטש—דייטשען!

— אווא, אווא! - מאכט דער עולם פערוואונדערט - אזוי, זאגט איהר, אזוי שמועסט די וועלט?

— עט! - מאכט רבי חיים מיט א שמייכעלע, — נישט תמיד איז אמת, וואס טראגט זיך ארום אין דער וועלט. ס'איז זיך א ממרא...

— אזוי, צי אזוי, דערווייל איז שפל — זאגט דער עולם מיט א קרעכץ — די גזירה איז דאך טאקי א גזירה! מילא די קאפאטע איז יאק די קאפאטע, וועט מען אין איהר מאכען א האק, דער גוטער יאהר וועט איהר נישט נעהמען מיט א שפאלט פון הינטען אויך, אבער א קארטוז — רבונו של עולם א קארטוז!... רבי חיים, פאלט עפיס אויף אנ'עצה, הא, וואס טראכט איהר רבי חיים?...

• • • • • • • • • • • • • • • •

שלום עליכם.

בערדיטשעווער שׂרפות.

— באָם! באָם!! באָם!!!

— עס נעצט! עס נעצט!! עס נעצט!!!

איך האָב זיך דערשראָקען אַרויס פון בעט און גערה צו צו'ם פענסטער: איין האַלבער הימעל איז רויט ווי אַ פייער, די אַנדערע האַלבע איז חושך! איין האַלבע שטאָדט איז משונה מאָדנע באַלויכטען, די אַנדערע האַלבע שטאָדט איז פערזונקען אין אַ מורא'דיג פינסטערניש. איך האָב אויף זיך דאָס אָנגעטהון און לויף אַרויס אין דרויסען אַרויס. עס לאָזט זיך הערען פון דער ווייטען אַ מאָדנע געשריי, אַ הילך אָהן ווערטער, און מענשען ציהען זיך אַהינצו שלעפעריג, געהען און גענעצען און ציטערען פאַר קעלט, און דערציהלען איינס דעם אַנדערען נסים ונפלאות, ווער עס האָט פריהער דערהערט און ווי אַזוי ער האָט דערהערט, און זיך משער איטליכער באַזונדער, ווער דאָס ברענט — דער זאָגט: „ס'איז יאָסיל“, דער זאָגט: „ס'איז משה“, דער זאָגט: „ס'איז ניט יאָסיל און ניט משה, ס'איז גאָר שרה זיסיל“.

— ווי קומט אַהער שרה זיסיל? — שפּאַרט איהם איבער נאָך איינער — אַז שרה זיסיל'ס שטוב איז אויף דער יאָרדינע, און דאָס איז גאָר אויף דער אַלטער שטאָדט?

— ס'איז אָווי אויף דער אַלטער שטאָדט, ווי איך בין אַ רביצין! — ענטפערט איהם נאָך איינער — זעהסט ניט אַז ס'איז נעבען דער באָד?

— שאַ, וואָס דאַרפט איהר זיך שפּאַרען? — גלייכט זיי אויס נאָך איינער, אַמעהר קומט אַהין, וועלען מיר וויסען אַקוראַט!

זיי געהען, און איך געה זיך נאָך און הער מיך צו וואָס מען רעדט.

— עמיצער האָט שוין דאָ געמאַכט „בורא מאורי האש“...

— וואָס איז די ראיה?

— מחמת ס׳איז געווען געסטראַכירט.

— פון וואַנען ווייסטו?

— וואָס דען? ס׳זאָל ניט זיין סטראַכירט, וואָלט ניט געברענט. אַ שטוב ברענט ניט פון זיך אַליין...

— וואָס זאָגסטו, יענקיל, ווי שען עס ברענט, מחיה נפשות!

ווי אַ הבדלה ברענט אַ שטיבעל, וואַרפט אַרויס עטליכע שטאַרק רויטע צונגען, דער דאַך איז שוין נישטאָ; עס קנאַקען די קראָקוועס, עס טרעשטשען די פענסטער, און אַ געדיכטער רויך מיט שוואַרצע קנוילען קויקעלט זיך און ציהט זיך ווייט ווייט, איבער הייזער און הייזלעך. עס הערט זיך אַ קול פון ווייבער, וואָס באַקלאָגען זיך אויף דעם שלאַק, וואָס זיי האָט געטראָפען אין מיטען האַלבע נאַכט, און אַ געוויין פון קליינע נאַקעטע קינדער, וואָס ציטערען און וואַרעמען זיך ביים פייער. דאָרט זיצט אַ גאַנץ געזינדיל אויף איין איבערבעט מיט עטליכע קישענס, וואָס זיי האָבען קוים אַרויסגעראַטעוועט פון דער שרפה. און דאָ שטעהט אַ יידענע אַ מעוברת׳ע מיט אַ טעפיל אין האַנד און מיט אַ פלעדערוויש און דערצעהלט דער אַנדער יידינע, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבען.

— אָנהויבען האָט זיך עס אָנגעהויבען, וועה איז מיר, פון שמעון דעם סטאָליער... מע איז געגאַנגען אַ פנים מיט אַ לעמפעל, ווייסט איז מיר, ביינאַכט... סטרוזשקעס איז פאַראַן אַ סך, פינסטער איז מיר, און אפשר אַ שוועבעלע, אָדער אַ פאַפיראָס און אפשר האָט דאָס דער בעל הבית אַליין, גדליה מיין איך, געטהון, ווייס איך ניט, איך בין דערביי נישט געווען... נאָר דערווייל זענען נעבעך, וועה איז מיר, אָרימע לייט בדיל־הדל געוואָרען, אַרויס אַזוי ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט, וועה איז מיר... פרעגט מיך בחרם, וואָס טראָג איך עפעס אַ טעפיל מיט אַ פלעדערוויש, ווייס איך אַליין ניט...

— אוי אַן׳אומגליק! אוי אַ שלאַאַק! — וויינט אַ ווייבער מיט אַ נגון פון אַקדמות און ברעכט די הענד — ניט אַרויסגעראַטעוועט אפילו קיין פאָדעעם, וואו וועל איך נעהמען אַ טאָג איבערצוקומען? וואו וועל איך מיך אַהינטהון מיט מיינע קליינע קינדער?...

ווי שדים, ווי רוחות לויפען ארויס און אריין יונגעלייט פונ'ם געברענטען שטיבעל, שפרינגען אין פייער אריין, ראטעווען, וואס זיי קענען, חאפען ארויס פון דארטען דער א פיסעל פון א בענקעל, דער איין אומרוה פון א זייגער, דער א שטעקען פון א בעזעם...

— וואו איז ערגעץ אלי מיט דער קישקע? — שרייט איינער פון דער חברה לעשערם און קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען.

— איך בין דא, איך בין דא! — רופט זיך אן אלי, א קליין יידעל און באבערט זיך ביי דער קישקע.

— וואס טהוסט דו דארטען? וואס באבערסט זיך אזוי לאנג דארטען?

— איך פערנייע די קישקע, זי האט זיך צעטרענט! — זאגט אלי.

— וואו איז ערגיץ פישל מיט די עמער? — שרייט איינער א שווארצער ייד מיט א צופליקטען טלית־קטן, מיט א פערראוכערט פנים און מיט א הייזעריג קול.

— פישל מיט די עמער!! — העלפט איהם שרייען נאך איינער.

— פישל! פישל!!! — העלפען איהם שרייען אלע איבעריגע

— וואס פישלט איהר? — רופט זיך אן איינער, א פנים פישל אליין טאקי — זעה נאר ווי זיי האבען זיך דאס אביסעל צופישלט! פישל - פישל! פישל — פישל!

— וואו זענען די עמער דיינע? — פרעגט מען איהם.

— די עמער זענען דא — זאגט פישל — נאר וואס וועט איהר מאכען מיט זיי, אז ס'איז נאך נישטא גרונם מיט'ן פעסיל!

— טאמער וואלסט דו זיך מטריח געווען, פישל, דערווייל'ע חאפען ערגעץ א פאר עמער וואסער צווישען די שכנים?

— וואס עפעס איך? — זאגט פישל — זאל געהן אלי!

— אלי, חאפ אנ'עמער און טהו א שפרונג נאך וואסער.

— ווי קען איך? זעהסט דאך, אז איך בין פערנומען מיט דער קישקע; זאל געהן מאטיל.

— מאטיל! געה קריג ערגעץ אנ'עמער וואסער.

— וואוהין זאל איך געהן, אז איך קאן דא קיינעם נישט?

— לאז געהן אנשיל!

— אנשיל! אנו, טהו נאר א לויף נאך וואסער

— איך? איך ווייס ניט וואו א טהיר עפענט זיך אפילו.

— לאז געהן דוד! שא, שא! אן פאהרט גרונם מיט'ן פע־סיל! ער פאהרט! ער פאהרט! — און אלע טהוען זיך א ווארף צו גרונם'ן נאך וואסער און פריהער פאר אלעמען אלי מיט דער קישקע.

גרונם, א ייד מיט א גלאנציגען פנים, וואס סע שיינט זיך, געהט זיך גאנץ רוהיג, נישט געהאפט, די פאלעס אונטערגעשטעקט ארונטער, און נאך איהם שלעפט זיך נאך אנ'איינגעדארט פערדיל, קוים וואס סע שלעפט די פיס פון דער בלאטע. ביידע, אי גרונם, אי דאס פערדיל להבדיל זענען שטארק פערשלאפען.

— ברוך הבא א ייד! און מיר האבען געמיינט, אז איהר וועט שוין היינט ניט זיין הלילה.

— א שענע מעשה נאר א קורצע! — זאגט גרונם — ווער דען וועט זיין, אז ניט איך? וואס בין איך עפעס א יונגעלע? איך האב דערהערט דעם ערשטען קלונג, בין איך שוין געווען ביים פערד'ל. מיין אלטע האט מיך אפילו געוואלט אבהאלטען: וואס ווערסטו זיך שלעפען, זאגט זי. אין אזא בלאטע? א רחמנות נעביך, זאגט זי, אויפ'ן פערדיל, ס'איז אויסגעמוטשעט פונ'ם טאג... נאר ווער הארכט זי, ווער? איך האב ליעב א מצוה, ובפרט נאך דארט, וואו עס געהט אין דעם נפש, ארימע לייט נעביך ברענען! א קלייניקייט?!

— לאנג לעבען זאלט איהר, רבי גרונם! מיר געהען דא אוים פאר א ביסעל וואסער, ביי אלע שכנים נישטא קיין לעק!

און די חברה לעשערם טהוען זיך א לאז מיט די ליידיגע עמער צום פעסיל און פריהער פון אלע אלי מיט דער קישקע. חברה נעהמען זיך אנפאמפען וואסער — עס פאמפעט זיך נישט, מען וויל אנצאפען אין די עמער אריין — עס צאפט זיך נישט!

— וואס איז דאס, ר' גרונם? איהר זענט משוגע, צי חסר דעה? איהר זענט געקומען מיט אלעדיגע פעסיל!

— וואס הייסט מיט א ליידיג פעסיל? — זאגט גרונם — א פול פעסיל, ווי אנ'אויג, זאגט איהר גאר דאס!

— געהט זעהט, — רופט זיך אן איינער — דאס פעסיל איז ליידיג ווי א באראבאן!

— וואָס הייסט ס'איז לעדיג? — זאָגט גרונם און בעטראַכט דאָס פּעסיל, — עפּעס רעדט איהר מיר דאָך פּידריך, תרגום־לשון! נאַ דיר, גאָר ליידיג! זאָל מיינע שונאים זיין ליידיג אין בויך און אין די קישקעס!

און גרונם קלינגט מיט'ן פינגער אין פּעסיל אַריין, דרעהט זיך אַרום פון אַלע זייטען און דערזעהט, אַז ס'איז אָהן אַ צאַפּען.

— יאָ, ווי איך בין אַ ייד, אַ לעדיג פּעסיל! — און ער חאַפּט זיך ביי'ם קאָפּ און הויבט אָן שילטען מען ווייסט ניט וועמען.

— אַ חליערע, אַ מיתה משונה! אַנ'אויסלויפעניש, אַנ'איינטרי־קעניש! אַנ'איינשרומפּעניש! ווען האָט געקאָנט אַרויס דער צאַ־פּען, איינגעזונקען זאָל ער ווערען! און וואו איז ער אַהינגעקומען, אַ ברענען זאָלסטו, שלים־מזל, אויפ'ן פייער!

און גרונם לאָזט אויס זיין גאַנץ ביטער האַרץ צו'ם פערדיל נעביך, דערלאַנגט איהם אַרוק מיט'ן בייטש־שטעקעל און זייט אַריין. דאָס פערדיל טהוט אַ פינטעל מיט די אויגען, לאָזט אַראָב די מאָרדע, קוקט אָן אַ זייט און טראַכט זיך: „פאַרוואָס קומט מיר אַ שטייגער אָט דער זעץ! גראַט גענומען און געבולעט זיך! ס'איז ניט קיין קונץ נעהמען אַ פערד, אַ שטומע צונג, און שלאָגען איהם אומזיסט און אומנישט״!

— האָב דיר אַלציג שוואַרצע, פינסטערע, וויסטע יאָהר! — זאָגט גרונם צו זיך אַליין — איך זעה וואָס דאָס איז: איך גיעס און גיעס, און גיעס און גיעס!... אַצינד פערשטעה איך שוין: דאָס פּעסיל איז אַ פּנים לכתחילה געווען אָהן אַ צאַפּען! קומען זאָל אויף דיר אַ פּאַהיבעל היינטיגע נאַכט, זאָלסט צופאַלען ווערען אויף שטיקער, רבונו של עולם!

— וואַסער! וואַסער! — שרייען די, וואָס ראַטעווען פון דער שרפה — גיכער! גיכער! טראָגט אַהער די עמער, דאָס וואַסער!

— וואָסערע עמער? וואָסערע וואַסער? — ענטפערען זיי די לע־שערס — איהר זעהט דאָך ס'איז נישטאָ קיין טראָפּען וואַסער!

— וואָס הייסט ס'איז נישט קיין וואַסער?

— נישטאָ קיין וואַסער הייסט, אַז ס'איז ניטאָ קיין וואַסער!

— וואוהין איז אַהינגעקומען דאָס וואַסער?

— אויסגעלאָפען ביי גרונם'ן דאָם גאַנצע פּעסעל וואַסער?

— וואָם הייסט ס'איז אויסגעלאָפען דאָם גאַנצע פּעסיל וואַסער?

— אָט דאָם הייסט, ס'איז אויסגעלאָפען ביי גרונם'ן דאָם גאַנ־צע פּעסעל וואַסער, און געה שריי חי וקים!...

פּלוצים לאָזט זיך הערען ווידער אַמאָל יענער מאָדנער קלונג: באָם! באָם!! באָם!!! און עם ווערט בעלייכט די אַנדערע האַלב שטאָדט.

— נאָך אַ שרפה! אויף דער נייער שטאָדט!! — שרייען עטלי־כע קולות מיט אַמאָל און דער גאַנצער עולם מיט דער חברה־לעשער'ם לאָזען זיך לויפען אויף דער נייער שטאָדט.

— צוויי שרפות אין איין נאַכט — זאָגט גרונם צו זיך אַליין — בין איך שוין ניט מחויב! איך האָב אַליין אַ ווייב און קינדער! קיין געצאָהלט דערפאַר נעהם איך ניט; וויל איך — פיהר איך, וויל איך ניט — פיהר איך ניט. און דאָם פערדיל איז אויך נישט פון אייזען; אַ צער בעלי חיים, עם האָרעוועט זיך נעבּיך געַנוג אַן דורכ'ן טאָג, בעדאַרף עם נאָך זיך אַרומשלעפּען גאַנצע נעכט! עם האָט מעהר נישט וואָם צו טהון!... מען וועט מיך ניט נויטען פון קהל!... לאָזען זיי זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואַנד!... קום ברודער, — זאָגט ער צו'ם פערדיל — לאָמיר פאָהרען אַהיים!

י. ל. פּרץ.

די פֿרומע קאַץ.

דרײַ זינג־פֿויגעלעך זענען געװעזען אין איין שטוב און אַלע דרײַ איינס נאָכ׳ן צװייטען — האָט די קאַץ צורעכט געמאַכט...

עס איז קיין איינפֿאַכע קאַץ נישט געװען, נאָר איין אמת, אמת פֿרומע נשמה, װאָס האָט נישט אומזיסט געטראָגען די װײַסע גוט־ייִדישע יופּע און געהאַט אייגעלעך, אין װעלכע דער הימעל האָט זיך אָבגעשפּיגעלט...

עס איז אַ פֿרומע קאַץ, אַ טבילה־קאַץ געװעזען! 10 מאָל אין טאָג האָט זי זיך געװאַשען... און געגעסען האָט זי שטיל, ערגעץ אין אַ זײַט, אין אַ װינקעלע...

אַ גאַנצען טאָג האָט זי געחאַפּט װאָס עס איז מילכיג׳ם, און ערשט, אַז די נאַכט איז געפֿאַלען, האָט זי געגעסען פֿלייש, כשר מויזען־פֿלייש...

און נישט געאײַלט זיך צו דער אַכילה, װי אַ גראָבע זאַך. נישט געחאַפּט און געשלונגען װי פֿרעסער טהוען; נאָר בנעימות, שפּילענדיג זיך... זאָל דאָס מײַזעל לעבען נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע... זאָל עס אַביסעל אַרומטאַנצען, אָבציטערען, ודוי זאָגען — אַ פֿרומע קאַץ חאַפּט נישט...

אַז מען האָט אין שטוב אַרײַן דעם ערשטען זינג־פֿויגעל געברענגט, האָט זי אויף איהם באַלד רחמנות בעקומען; עס האָט זי בײַ׳ם האַרץ אָנגעחאַפּט.

אַזאַ שענ׳ס זיפּצט זי, אַזאַ קליינס, אַזאַ מחיה׳דיג פֿייגעלע זאָל קיין עולם הבא נישט האָבען!

— און עס קען קיין עולם הבא נישט האָבען! — איז זיכער די קאַץ — ערשטענס, װאַשט זיך עס דײַטשעריש, מיט׳ן גאַנצען לײַב אין שיסעלע װאַסער... צװייטענס, אַז מען האָט עס אײַנגעזעצט אין שטײַג, איז עס שוין אַ חיה רעה, חאַטש אַ יונג, זיס און פֿײַן זינג־פֿייגעלע... האַלט שוין עס מעהר פֿון דינאַמיט װי פֿון שולחן ערוך!...

הײנט דאס זינגען אלײן, דאס אױסגעראסענע זינגען, דאס צופײפען און דאס קוקען גלײך אהן אשום דרך־ארץ אין הימעל אריין! דאס רײסען זיך ארױס פון שטײג, צו דער זינדיגער װעלט, צו דער פרײער לופט, צו׳ם אפענעם פענסטער...

צי איז נאך אמאל אקאץ אין אשטײג געזעסען? צי האט נאך אמאל אפרומע קאץ אזוי געפיפען, אזוי זמרי־בן־סלו׳דיג גע־פיפען?

– און אשאד! – װײנט דאס פרומע הארץ אין דער פרומער קאץ, – עס איז דאך אלעבעדיגע זאך, אטײערע נשמה, אפונק פון דער הויך!

דער קאץ קומען טרעהרען אין די אויגען:

– און דאס גאנצע אומגליק איז, װאס דער זינדיגער גוף איז אזוי שען, דער עולם הזה דעריבער - אזוי לוסטיג, דער יצר הרע אזוי שטארק...

װי קאן אזא קלײן זים פײגעלע זיך אקעגען שטעלען דעם שרעקליכען גרויסען יצר הרע?

און װאס מעהר עס לעבט, מעהר זינדיגט עס, גרעסער װעט זײן די שטראף...

הא!

און אהײליג פײער האט זיך אנגעצונדען אין דער קאץ, דאס פײער פון פנחס בן אלעזר הכהן... און זי איז ארויפגעשפרונגען אויפ׳ן טיש, װאו די שטײג מיט׳ן זינגפויגעלע איז געשטאנען, און– עס פליהען שוין פעדערען אין צימער...

מען האט די קאץ געשלאגען... די שלעג נעהמט זי אן פאר ליעב... זי האט פרום אבגעקרעכצט, אבגעמיאוטשעט איעמערלי־כען על חטא...

מעהר װעט זי שוין נישט זינדיגען...

די קלוגע קאץ פערשטעהט, פארװאס מען האט זי געשלא־גען... מעהר װעט זי אויף קײן שלעג נישט פערדיענען...

– מען האט זי געשלאגען – פערשטעהט די קאץ – דערפאר װײל זי האט פערפעדערט די שטוב; װײל אויפ׳ן װײסען געשטיק־

טען טישטוך זענען געבליבען פֿלעקען פֿון בלוט...

אַזאַ פּסק מוז מען מקיים זײַן גוט, שטיל און פֿרום, עס זאָל קיין פֿעדער נישט פֿליהען, קיין טראָפּען בלוט נישט פֿאַלען...

און — אַז מען האָט דעם צווייטען זינג־פֿויגעל געקויפֿט און אין שטוב געלאָזט, האָט זי איהם שוין שטיל און פֿײַן דערוואָרגען און מיט די פֿעדערען צוזאַמען אײַנגעשלונגען...

מען האָט די קאַץ געשמיסען...

צונד האָט ערשט די קאַץ פֿערשטאַנען, אַז נישט וועגען פֿעדערען געהט עס, נישט וועגען פֿלעקען פֿון אויפֿ׳ן טישטוך...

דער סוד איז, אַז מען טאָר נישט טוידטען! אַז מען דאַרף ליעב האָבען, מוחל זײַן... אַז נישט מיט אַרבע מיתות בית דין פֿערבעסערט מען די זינדיגע וועלט!...

מען דאַרף מחזיר למוטב זײַן, מוסר זאָגען, צום הארץ רעדען!...

אַ קאַנאַרעק אַ בעל תשובה קען קומען צו׳ן אַזאַ מדרגה, צו וועלכער די פֿרומסטע קאַץ וועט נישט דערגרייכען!

און די קאַץ פֿיהלט, ווי ס׳וואַקסט אין איהר דאָס האַרץ פֿאַר פֿרייד! אויס אַלטע, שלעכטע און האַרטע צײַטען! אויס בלוט פֿערגיסען!

רחמנות, רחמנות, און נאָך אַמאָל רחמנות!...

און מיט רחמנות איז זי צוגעגאַנגען צום דריטען קאַנאַרעק!

— שרעק דיך נישט — מאַכט זי, מיט דער ווייכסטע שטימע, וואָס איז אַמאָל אַרויס פֿון אַ קאַציגען האַלז, — זינדיג ביזטו, נאָר איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טהון, ווײַל איך האָב רחמנות אויף דיר!

איך וועל דיר אַפילו די שטײַג נישט עפֿענען, איך וועל דיך אַפילו נישט אָנריהרען!

דו שווײַגסט? — זעהר גוט! איידער פֿרעכע ליעדער צו זינגען איז גלײַכער שווײַגען!

דו צאַפּעלסט — נאָך בעסער! צאַפּעל, צאַפּעל מײַן קינד, נאָר

נישט פֿאַר מיר, פֿאַר'ן בורא עולם צאַפּעל, פֿאַר זיין ליעבען נאָמען!

הלואי זאָלסטו שוין אַזוי בלייבען – שטיל, ריין און צאַפּעלדיג...

איך וועל דיך העלפֿען צאַפּלען! פֿון מיין פֿרומע נשמה וועל איך הויכען אויף דיר שטילקייט, זיסקייט און פֿרומקייט... מיט מיין הויך זאָל אַריין אמונה אין דיין לייב, יראת־שמים אין דיינע ביינדעלעך, תשובה און חרטה אין דיין הערצעלע!

און די קאַץ פֿיהלט ערשט, ווי גוט עס איז מוחל צו זיין, ווי אַ פֿרייד עס איז יענעם אַריינצובלאָזען מיט'ן הויך פֿרומקייט און ערהרליכקייט...

און עס וואַקסט דאָס פֿרימסטע האַרץ אין דער פֿרימסטער ווייסער קאַץ – נאָר דער קאַנאַריק קען אין דער קאַצען־לופֿט נישט עטמען – עס האָט איהם דערשטיקט!

. . . .

. . . .

. . . .

שלום אַש.

אַ שמועה.

איך בין געפאָהרען מיט איהם פון קוטנע קיין לענטשיץ. דער טאָג איז געווען אַ הייסער זומער טאָג, די זון אין טיפען הימעל, אייגאַרטיג. ברייט און ווייט, וואו נישט וואו, באָדען זיך הערליכע, נגידישע, לייכטענדע וואָלקענדליך, ווי פליגעל'ן פון מלאָכים'לעך פאָהרענדיג אין דעם טיפען הימעל.

אין בויד איז מיר הייס געווען, און האָב נישט געקענט פערטראָגען דעם געדיכטען רויך פון די ציגאַרען, וואָס האָבען זיך גלייכגילטיג פון די יודענס בערד אַרויסגעטראָגען, בין איך אַרויס און אויפגעזעצט מיך אויפ'ן קיישעל צו'ם פוהרמאַן.

בעריל מאַצני=וואויטיק איז מיינס אַ בן=עיר, אין איין גאַס זענען מיר אויפגעצויגען געוואָרען. פסח, געדענק איך, ווען איך האָב פאַר'ן טאַטען מיט'ן פעטער שיר=השירים איבערגעזאָגט, אין דער גרויסער שטוב, וואָס די פענסטער זענען אַרויסגעגאַנגען אין קיילער=געסעל אַריין, האָב איך געהערט בעריל'ס קול פון די באַנק, וואָס איז געשטאַנען הינטער אונזער פענסטער, ווי ער טשעפעט די דינסט=מיידלעך, און מיין שיר=השירים=קול האָט זיך אויסגעמישט מיט זיינעם. און אויף מיר האָט עס דעם איינדרוק געמאַכט ווי צו זאַמענגעגאָסען קודש און חול...

נאָך אַ געוויסע צייט, ווען איך בין אַהיים געקומען אין אונזער שטעדטיל אַריין, בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז מאַצני=וואויטיק האָט חתונה געהאַט, און איז געוואָרען אַ גאַנץ „אָרדענטליכער מענש”, און געהט יעדען שבת דאַווענען אין די פוהרמאַנישע חברה. איך האָב עס נישט גלויבען געוואָלט, ביז איך האָב נישט מיט מיינע אייגענע אויגען געזעהן, פרייטאָג פאַר נאַכט, ווי מאַצני=וואויטיק, אַהיימטראָגענדיג היי פון מאַרק פאַר'ן פערד אויף שבת, האָט ער אין האַנד געהאַלטען ליכט פאַר'ן ווייב אויף שבת — אויף מיר האָט עס דעם איינדרוק געמאַכט, ווי אונזער געסעל, דאָס קיילער=גע=

סעך, איז אנ׳„ארדענטליכער מענש״ געווארען, ווייל זיך צופוצען צו די פראנט־גאס, און געהט שוין אויך שבת אין בית־המדרש אריין דעם מגיד הערען...

— ערקענסט מיך, בעריל — פרעג איך איהם?

ער האט מיך אנגעקוקט, און האט מיך באלד דערקענט, זאגט ער:

— שלום, איך זאל אזוי לעבען — האסט דיך דאך עפעס פער־שטעלט!

און ער האט געגעבען צו מיר א שטרעק אויס זיין האנד — א פלעצעל אייזען, און די פינגער, ווי צינגער אנגעגליהטע אייזען. — דו ראמפעלסט היינט אויף די קאזאצקע פערד ארום, זאגט מען. לא קם! ברודער! זאלסט אזוי לעבען מיט מיר, פון מחות׳ן האסט דו געשריבען א „שטיקעל״ אין „בריעפען שטעלער״ זאגט מען דיין וואלף האט איהם אריינגענומען און איבערגעלייענט, האבען זיך איהם די בעבעכעס אין בויך מיט׳ן קאפ קאפויר געשטעלט... היט דיך, גוטער ברודער, אז דו זאלסט נישט צווישען זיינע פינגערלעך אריינ־פאלען, ווען ניט טראגעלט ער דיר א באק אונטער און ביסט א „קדוש״!

— וואס זאל מען טהון! שמייכעל איך.

און מיר מיידען אויס פעלדער און סעדער, מיר פאהרען דורך שטילע, רוהיגע דארפ׳ס גאסען, וואו די הייסע זון האט די איינווארנער אין די געצעלטען אריינגעשלעפט, און פאר טהירען נאר שפיעלען זיך קליינע קינדער אין זאמד און שטיינדלעך. אונזער ערשיינונג מאכט די ערשטע מינוט אויף זיי איין איינדרוק, בעווע־גען זיך, מאכען מיט די הענדליך, שרייען אונז נאך, באלד דאך מיידען מיר זיי אויס, און מיר לאזען זיך ווייט אין וועג אריין...

ווי אלטע בעקאנטע הויבען מיר זיך אן אויסצושמועסען, פערצעה־לען איינער דעם צווייטען, וואס און ווען עס איז מיט איהם. ער פערצעהלט מיר יעצט פון זיין יונגערן זוהן יצחק׳ל.

— הערסט, אז דער עלטערער איז געבוירען געווארען, איך האב אנגעקוקט די „זמארטוויעניא״ — האב איך מיך באלד אנגערופען צו מיין שווארציער נחה: נחה — דער „חוש״ איז געראטען אין דיין משפחה אריין! ער וועט איבערבלייבען א מאצני־וואויטיק ביז אין טויט אריין

איז געקומען צו שווימען דער צווייטער — דאַרפסט דו צו זעהן אַ בחור, ער עסט דיך אויף מיט די אויגען, אַש, ברודער, פייער און פלאַם, און וואָס דו ווילסט! ווילסט... אַ דייטשען בריעף, אַ לשון־קודש׳ן, אַ פרשה־חומש מיט רש״י אָדער אַפשר אַ שטיקעל משלי — נעהם די לייצעס אין די האַנד אַריין און דו פאָהרסט ברודער, אַפילו קיין דאַנציג.

הערסט, קומט צו מיר צוגעהן דער וואָרקער מלמד, און זאָגט צו מיר אַזוי: מאַצני־וואָוויטיק, דו ביסט אַ מאַצני־וואָוויטיק, אָבער אַ יונגעל האָסט דו, וועט ער, ברודער, וועלטען איינעהמען. זאָג איך צו איהם: אַזוי איז גוט, נעהמט איהם צו זיך. געהט ער צום וואָרקער, הערסטו דו — קומט ער אַ היים: און גיט מיך אַ רוף: פאָטער, און מיין נחת׳ן: מוטער, און געט מיר אַ קוש אין דער האַנד, און גיט נחה׳ן אַ קוש אין דער האַנד אַריין, און זאָגט צו מיר „דער דאָזיגער", הערסט, אַזוי איז גוט: אַ בייזע נאַכט אויף דיין קאָפּ, זאָג איך צו איהם, „אַ דאָזיגער" איז גאָר אויף מיר געקומען. וואָס זאָגסט דו נישט צו דעם? פאָטער רופט ער מיך שוין גאָר, דוד׳ל, הערסט, דו רעדט ער צו מיר?

דו דאַרפסט איהם צו הערען שבת לייענען, ביי אונז אין ספר־תורה... וואָס זאָל איך דיר זאָגען, דו מיינסט ער איילט זיך עפּעס? ניין! הערסט דו, טריט ביי טריט געהט ער זיך. ווי משה־גאָמבינער׳ס פערד אויפ׳ן נייעם שאַדלייינער וועג, האָסט דיר קיין שטיינדעל נישט — אָט ברודער, ווי אַ טיש — עס געהט זיך אַזוי ווי די בייטש וואָלט צוגעקנאַלט ראַז־דוואַ, ווי שאַרפע פאָדקאָוועס אויפ׳ן געפרוירענעם שניי אין אַ טבת נאַכט... זאָג איך דיר, איז געוואָרען אַ געקוק אַראָב פון די ווייבער שוהל, איז געוואָרען אַ געסוד׳ערייַ — מאַצני־וואָוויטיק׳ס, מאַצני־וואָוויטיק׳ס — איך האָב מורא געהאַט, אַז מען זאָל נישט אָנ׳עין הרע אָבשפּרעכען, — בין איך אַרויפגעגאַנגען אויפ׳ן בעלעמער, און האָב איהם אָנגענומען ביים קאָלנער: געה אַראָב, זאָג איך צו איהם, האָליע דיך אַ נידער, און איך האָב שוין גענוג, זאָג איך, לאָז דיך די חאָלירע חאַפּען!...

הערסט, קומט מען אַריין בריעף שרייבען, משה׳לע אָדעל׳ס, מיט׳ן קאָלנער, דער מיט די ברילען, „דער־דייטש"! קענער׳ס

זענען זיי אַלע, זאָגט ער: גוט, וואָס זאָל איך שרײַבען? — זאָגט יענער, אַ „טיטעל בריעף" — רופֿט זיך אָן מײַנער: אַ טיטעל ווייס איך אַליין צו שרײַבען, אָבער דו זאָג מיר „דאָס לונג און לעבער" צוזאַמען? זאָגט יענער: „צו אַ מחותן". רופֿט זיך מײַנער אָן: „גע־נוג!" און גיט זיך דיר אַ טונק אײַן די פֿעדער, און גיט זי אַ מאַך, אַ דרעה אויפֿ'ן פּאַפּיר — מיט דער פֿעדער אויפֿ'ן פּאַפּיר, אַזוי ווי אַ קאַרעטע מיט אַ פּאָר פֿערד וואָלטען זיך אויסגעדרעהט...

קומט צו פֿאָהרען צו אונז דער ליטווישער מגיד, הע, ער קען דאָך יאָ! ליטוואַקעס קענען דאָך עפּעס, זיי האַלטען גאָרנישט דערפֿון... הערסטו, געה איך פֿאַר נאַכט מיט מײַנעם אין בית־המדרש אַרײַן, קום איך אַרײַן, שטעהט דער מגיד און זאָגט אַ דרשה... נאָך מעריב געה איך צום מגיד, אַז ער זאָל מײַנעם פֿערהערען אין תנ"ך: זיי קענען דאָך עפּעס יאָ. דערלאַנגט דער מגיד אַ פֿרעג מײַ־נעם: נו, יונגעל קענסט עפּעס? - ענטפֿערט ער: איך קען גאָר־נישט. דו הערסט, „איך קען גאָרנישט"! -- וואָס האָסט דו געלע־רענט? פֿרעגט ער איהם. „משלי" ענטפֿערט ער. גוט, זאָגט ער, נעהמט אַ ספר און גיט איהם אַ מיש אויף פֿון סאַמע ראָדנע מיטען... זאָג — זאָגט ער -- גיט, הערסט דו, מײַנער זיך אַ נעהם, הוסט זיך אויס, שנײַצט זיך די נאָז אויס — און גיט אַ קוק אַרײַן, — אַזש דער מאַרך־בײַן האָט זיך איהם געגעבען אַ שטעל אויף און הויבט אָן צו זאָגען... אַלץ הײַסט געזאָגט! הערסטו, מיט'ן נגון, ברודער, הויך, אָט אַזוי: ואני און איך — און ברודער — און העכער... אין בית־המדרש האָט עס געקנאַלט ווי מיט בײַטשען, ווי אויף לאָוויטשער יאָהרמאַרק — אָדער אַזוי ברודער, זאָג איך דיר — אַזוי — אַזוי ברו־דער, די חבירע האָט דיך גענומען אויפֿ'ן אָרט — — —

(און בעריל האָט געגעבען אַ לאָז אַראָב די בײַטש אויף די פֿערד, אַז זיי האָבען זיך אויף די הינטערשטע פֿיס געשטעלט).

איך האָב נאָר מורא, אַז עס זאָל זיך איהם נישט פֿערגלוס־טען מיט דיר מיטצוהאַפּען זיך צו די „בריעפֿען־שטעלער" קײַן וואַרשע — מען האָט מיר שוין געזאָגט — היט דיך ברודער וואָרים איך וועל דיר דעם מאַרך־בײַן איבערהאַקען...

ד. פינסקי.

הײַנטיגע יונגע לײַט.

... איך זאָג אײַך, וואָס אײַערע הײַנטיגע יונגע לײַט זענען... אַ גרויל! שקצים, סנעקעס... און שמועסען זיך אײַן, אַז זײ וועלען ראַטעווען די וועלט! זײ וועלען ראַטעווען די וועלט! הע-הע-הע... מען איז מעהר ניט זעהר אויסגעלאַסען, אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם יאָך, אײַנגאַנצען אויסגעטהון זיך, ניטאָ אויף זײ קײן מורא, ניט פאַר גאָט, ניט פאַר לײַטען, גלאַט אַ הפקר וועלט!...

אָט, איך בין דאָך סך הכל אַ דרדקי מלמד, און זײ זענען די געשטודירטע, די אויפגעשפּיצטע, דאָך פערשטעה איך אַ זאַך אין תוך אַרײַן טויזענד מאָל בעסער פאַר זײ. אדרבה, לאָמיר בעקלערען: וואָס? וואָס? וואָס ווילען זײ? ח׳מע!...

זײ ווילען ראַטעווען די וועלט, קײן אָרעמע לײַט זאָלען ניט זײַן, און וואָס האָבען זײ אויסגעקלערט — כּיס אחד יהיה לכלנו! מען זאָל אָבנעהמען בײַ אַלע גבירים דאָס געלד און צוטײַלען איבער דער גאַנצער וועלט... סאַר אַ גאונים דאָס זענען! איהר הערט נאָר דעם אײַנפאַל?! איך וועל קומען — איך האָב אײַך אָן, למשל — צו ראָטשילד׳ן און זאָגען: אדוני רב ראָטשילד, איך וויל, איהר זאָלט אונז אָוועקגעבען אײַער געלד". איז וואָס, דהיינו, וועט ער מיר דערויף זאָגען? אַז ער זאָל אפילו וועלען מיט מיר רעדען, וועט ער דאָך די ערשטע קשיא פרעגען: סטײַטש, וואָס פאַר אַ מחותן ביזט דו דאָס מיט מײַן געלד? דו האָסט עפּעס בײַ מיר אַ סך אײַנגעלעגט? האָסט מיר עפּעס אַ סך געהאָלפען צונויפקלײַבען מײַן עשירות? איז וואָס, אַנ׳ערך קאָן איך איהם דערויף ענטפערען? גאָרניט מיט גאָרניט. גאָט האָט אַזוי געוואָלט, ער זאָל זײַן ראָטשילד, און איך זאָל זײַן גרונם דער מלמד און פערשוואַרצט ווערען נאָך מײַנע יאָהרען און טעג. געה פרעג בײַ

גאט קשיות, פארוואס ער האט אזוי געוואלט! נאר דאס איז דאך די מעשה, אז די חברה גלויבט גארניט אין גאט, ביי זיי טהוט זיך דאך אלץ אזוי, אהן גאט, טבע - שמעבע, און איך וויים וואס - יסבר פי רשעים! פערשטאפט זאל זיי ווערען די מיילער - וואס זיי קלערען דארטען אוים. און אז עס איז ניטא קיין גאט, איז ניטא קיין „אימתא דמלכותא", איז רעכט אפילו הרג'ענען א מענש אין רעכטען מיטען גאס, איז דעמאלט מעג דאך טהון יעדער, וואס ער וויל, איז דעמאלט „זשיד, פאדאוואי גראשי"! כים אחד יהיה לכלנו, א טײלעניש אויף זיי! טפו...

נאר איך טענה דאך שטענדיג מיין טענה: דער מענש, וואס שטעהט צו צו דער חברה, איז ניט ווערט מעהר, וואס די ערד טראגט איהם. ער געהט גאר גלייך ארוים מכלל מענש, פערליערט אלע זיינע חושים, בעקומט א שטיינערנע הארץ, ווערט אן די מדה פון רחמנות - און אוים!

אט, נעהמט האטש חיים אנטשעל'ס בן יחיד, משה'לען. וואס ווייסט איהר פון דעם בחור'ל?! ער איז דאך געוועזען מיינער א תלמיד. אזא זײדען קינד, אזא אבן טוב האב איך גאר אויף מיין לעבען ניט געזעהן. און וואס? זיצט ער איצט בחדרי חדרים, און א סברא, אז ער וועט אוועק אין דעם ווייטען וועג, אין כף הקל, אין סיבּיר. אויב מען וועט איהם נאר אפריהער ניט אראב דרעהען דעם קאפ, אז א האהן וועט אפילו ניט קרייהען. האט זיך אונגליקליך געמאכט, האט אונגליקליך געמאכט זיינע עלטערן, פערביטערט און פערקירצט זיי די יאהרען, און פרעג ווער? וואס? ווען? גארניט! און ער האט דאך א פריהער געוואוסט, אז ער וועט האבען א מיאוסען אבשניט און וועט מקצר זיין די עלטערען די יאהרען. נאר ווי מען שטעהט צו צו דער חברה, איז אוים טאטע-מאמע, איז אוים רחמנות, איז אלץ אוים, אוים, אוים!...

נאר קיינער, זאג איך אייך, פערדריסט מיר ניט אזוי, ווי דער משה'ל. איך זאג אייך, עס רייסט מיר אויף איהם אוים א שטיק הארץ. נאך א צייט פאר זיין תפיסה. האב איך איהם געשריען: „משה'ל, ביזט עפעס... זעה"!... ער האט געלאכט. — „לאכסט. לאכסט", — זאג איך איהם, „וועסט אבער דערמאהנען

מיינע ווערטער, הלואי זאָל איך ליגען זאָגען". ער האָט מיך אַרומ־געגומען אַרום רוקען... אַ שיינגעץ, זאָג איך אייך, אַ גאָלדען קינד, עס קלאָגט אין מיר מיין האַרץ אויף איהם בנאמנות, — אָט אַזוי האָט ער מיך אַרומגענומען און פֿרעגט: „וואָס פֿאַר אַ בעז זעהט איהר אין מיר, רבי'נקע"? פֿערשטעהט איהר, ער פֿרעגט נאָך, וואָס פֿאַר אַ בעז זעה איך אין איהם. — „וואָס פֿאַר אַ בעז זאָל איך אין דיר זעהען"? פֿרעג איך. „דאַרפֿסט עפּעס וואָס? נאָר גלאַט, געהסט נים בדרך הישר, געהסט נים אין אַ גלייכען וועג, טהוסט נים דאָס... טהוסט נים דאָס, משה'ל! מילא, זאָג איך איהם, ביזט נים פֿרום, גאָלסט זיך, דאַווענסט נים, ווייסט נים פֿון שבת, ביזטו טאַקי דערפֿאַר אַ גרויסער שייגעץ, דאָס איז אַ בעזונדערע זאַך, זאָג איך איהם. נאָר ביזט דאָך דער געשטודירטער און זאָגסט, אַז דו ביזט קליגער פֿאַר דער גאַנצער וועלט און פֿאַר אַלע אונזערע חכמים זכרונם לברכה. אַי, נאָך דיין פגירה אַפֿילו וועסטו דאָס אויך נים זיין, נאָר גאָרנים... אָבער פֿרעג איך דיך, וואָס דאַרפֿסטו אַנדערע קאַליע מאַכען? נעהמסט זיך אַרום שקצים, פּאַסקודניקעס, אָבגעריסענע הינד, איך ווייס, שטיקלעך אַרבייטערלעך און לערנסט זיי ווי עובר זיין אויף אַ דין, ווי „פורץ נדר" זיין!... גלאַט, וואָס איז עס פֿאַר אַ שטאָדט, פֿיהרען זיך מיט אַזעלכע, איך ווייס נים וואָס. פּאַסט עס דען פֿאַר דיר? פֿע, חלשות"!

דאַכט זיך, האָב איך גערעדט קלאָרע ווערטער, איז פֿאַרהאַן דאָ וואָס צו לאַכען? און ער האָט געלאַכט! איך האָב שוין אָנגע־הויבען ווערען אין כעס. „וואָס לאַכסטו"?

„איהר זענט אַ וואויל יידעל, רבי!" — זאָגט ער מיר.

איך דאַרף דאָ האָבען זיין הסכמה, צי בין איך אַ וואויל יידעל אָדער נים אַ וואויל יידעל. „דו פֿערשלאָג מיר נאָר נים „האַקעס־באַקעס", — זאָג איך איהם. „רעד דברים כהויתם, ריינע קלאָרע דבורים. וואָס לאַכסט דו, וואָס?"

„רבי", — זאָגט ער, „אייך ווילט זיך טאַקע וויסען מיין תורה?" זאָגט ער.

„אַדרבה, — זאָג איך איהם" — איך וויל טאַקע הערען, נאָר שרעק דיך נים, זאָג איך איהם, מיך וועסטו נים קאַליע מאַכען,

פון וועג ניט אראפפיהרען. אזוי לאנג וואס, ווי לאנג דיינע תורות וועלען צו מיר ניט צושטעהען".

„מיין תורה איז", — לאכט ער, „האב ליעב דעם אנדערען ווי זיך אליין".

איהר פערשטעהט עפעס? זיין תורה איז עס! „שיינעץ!" זאג איך מיט חוזק. — „ואהבת לרעך כמוך" — איז דאך א בפירושער פסוק! דיין תורה איז דאס?

„זי איז יענעמס", — ענטפערט ער, „ווער עס האלט פון איהר און לערענט זי דעם אנדערען".

ענטפערן, נישט קשה, האט ער געקאנט, דער קאפ האט איהם ניט אויסגעדארט. נאר פערשטעהט איהר א דרך? זיצט מען דאס מיט א חברה לייזאקעס און מען לערנט מיט זיי „ואהבת לרעך כמוך!" קיין בעסערע תלמידים האט ער שוין ניט געפונען.

„ביזט דאך גלאט א נאר", — זאג איך איהם, „אויף דיר וואלט איך ניט געגלויבט".

נאר מילא, וואס זאל איך דא א סך מאריך זיין — ער איז דאך דער קלוגער. און איך בין דער נאר, האט ער מיך ווידער אויסגעלאכט, איך רעד דאך קרום!

און ער האט שוין געמיינט, אז איך בין דאס דער „פתי יאמין לכל דבר" און גלויב איהם שוין אז ער לערנט מיט זיינע ווייסע חברה'ניקעס „ואהבת לרעך כמוך". ווי מיינט איהר, ער וועט מיך טאקי באלד איינשמועסען. אז פאר „ואהבת לרעך כמוך" וועט מען אימיצען אריינזעצען און אין סיביר אוועקשיקען! נאר איך וועל מיך שטעלען מיט איהם קריגען? ער זאגט מיר „ואהבת לרעך כמוך", זאל זיין „ואהבת לרעך כמוך". און אין דער'אמת'ן האט זיך ארויסגעוויזען, אז ער האט אנגערעדט די ארבייטער פון סימקין'ס פאבריק, זיי זאלען אויפהערען צו ארבייטען און בעטען מעהר געלד און וועניגער ארבייט, צו וואס ער האט זיי דארטען צוגעהעדט, און דערפאר פוילט ער איצט אין אסטראג!...

אנ'אנדערש מאל האט ער אויסגעטראכט גאר א נייע מאדנע תורה; „ארבייט, וועסטו עסען!" איך האב איהם פשוט אנגעקוקט

ווי אַ משוגע'נעם. איך רעד שוין ניט פֿון דעם, אַז גאָט האָט בעשאַפֿען דעם מענשען ניט צוליעב דעם, ער זאָל אַרבייטען און עסען, נאָר צוליעב דער תורה — וועגען גאָט איז דאָך ניטאָ מיט איהם וואָס צו רעדען, גאָט איז דאָך גאָר אויף דער וועלט ניטאָ! — נאָר ווי שטעלט איהר זיך עס פֿאָר, אַז ר' וועלוועל שמעלקעס און אַפֿילו איך, איך, גרונם מענדעל דער מלמד, וועל מיך שטעלען אַרבייטען צוזאַמען מיט בונם דעם שוסטער און דאָניע דעם שניידער! מען דאַרף דאָך זיין משוגע כּאחד המשוגעים, אַז מען זאָל גאָר איינטראַכטען אַזאַ מין פּלאַן. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך האָב אַפֿילו ניט געוואָלט מיט איהם רעדען און קריגען זיך וועגען דעם.

און ניט נאָר אין דעם אַליין איז משה'ל קאַליע געוואָרען, וואָס ער האָט אָנגעהויבען רעדען על השם ועל משיחו, פּלוידערן וואָס ניט געשטויגען און ניט געפֿלויגען, נאָר אין אַלע פּרטים איז ער שוין ניט געוועזען קיין מהות מענש. למשל, דער יונג איז שוין געשטאַנען אין שדוכים, איך אַליין האָב איהם געוואָלט רעדען אַ שדוך. ניט חס ושלום לַהֲנָאָתִי, פֿון מיין פּרנסה וועגען. באמונתי, אַז איך בין ווייט געוועזען פֿון דעם געדאַנק, נאָר עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב געפֿונען דעם אמת'ן זווג זיינעם. איהר קענט דאָך מסתמא רב אַברהם עקין דעם סרסור'ס טאָכטער? איז דאָס עפּעס אַ קרומער שדוך? לְדִידִי, נאָך מיר נאָך, וואָלט עס געוועזען דער גליקליכסטער זווג אין דער וועלט, איז וואָס לאָזט זיך אויס? לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט זיך שוין „איינגעוואָהנט“ מיט — שמע ישראל צו שרייען! מיט סענדער דעם רופֿא'ס טאָכטער, מיט דער לעהרערקע! חיים אַנטשער'ס זוהן מיט סענדער דעם רופֿא'ס טאָכטער — שומו שמים!... פֿערשטעהט איהר ווי דער יונג איז טיעף געפֿאַלען! מִדֶּחִי אֶל דֶּחִי! און אַז אָך און וועה! וואָס פֿאַר איין אהבה, וואָס פֿאַר אַ ליובקע צווישען זיי איז געוועזען! ווען די חצופה האָט זיך דערוואוסט, אַז מען האָט איהם צוגענומען, איז זי נאָר אַביסעל בלייך געוואָרען און כּלומר'שט געחאַפּט זיך פֿאַר'ן האַרצען און וויי טער גאָרניט, ווי ניט איהר זאַך גאָר...

נאָר דאָס איז דאָך וואָס איך טענה: דער מענש, וואָס שטעהט צו צו דער חברה, געהט אַרויס מכּלל מענש, פערליערט די מדה פון רחמנות, טהוט זיך אויס פון אַלץ און... און... און גאָר ניט! און זיי ווילען דאָס ראַטעווען די וועלט! אָה, אַ רוח אין זייערע טאַטענס אַריין!... עס איז נאָר אַנ׳עברה, אַז מען רעדט וועגען זיי, טפו!...

מ. אָסִפּאָוו.

אָבְּמַאכֶען.

אַ גאַנצען טאָג האָט דער אָקס עוֹלָה לְרֶגֶל געווען איבּער דעם לאַנגען טראַקט ניט געגעסען, ניט געטרונקען, בּיז מען האָט איהם געבּראַכט אין שטאָדט אַריין.

– דאָ – טראַכט דער אָקס – וועל איך אַבּיסעל אָבּרוהען וואו ניט איז אין אַ שטאַל!

זיין האָפנונג איז אָבּער פאַלש געווען. ניט אין אַ שטאַל האָט מען איהם געבּראַכט, נאָר אין שלאַכט-הויז...

דער אָקס האָט זיך ניט אַרומגעקוקט, ווי מען האָט איהם פּלוצלונג אומגעוואָרפען, באַלד איז צוגעשפּרונגען אַ צוויי פּיסיגער מיט אַ לאַנגער בּאָרד מיט אַ בּלאַנקערינגען חַלָף און האָט איהם אַ פּאָר מאָל אַ פּידעל געטהון איבּערן האַלז...

דער אָקס גוס'עט... ער וואַרפט זיך און צאַפּעלט זיך פאַר גרויס יִסוּרִים.

– וואָס האָט ער געהאַט צו מיר דער רוֹצֵחַ? – טראַכט דער אָקס – פאַרוואָס קומט עס מיר?... פאַרוואָס?!...

– חאַפּ, יענקל, שנעלער און מאַך איהם אָב!... דערהערט דער אָקס אַ געשריי פון דער זייט און בּערוהיגט זיך:

– געלויבּט איז גאָט! עס האַלט בּיי אָבּמאַכען, מסתמא ווע-לען דאָך די מענשען אַנערקענען די עַוְלָה, וואָס דער רוצח האָט מיר געטהון, און מען וועט מיר אַבּיסעל לייכטער מאַכען מיינע יסורים...

דערווייל איז יענק'ל צוגעלאָפען, האָט זיך אַוואָרף געטהון אויפ'ן אָקס און האָט גענומען שינדען פון איהם די פעל...

– אַזוי גאָר?! – טראַכט דער אָקס – אָט דאָס הייסט בּיי מענ-שען אָבּמאַכען?... אָבּשניידען פונ'ם געקוילעטען די פעל?...

פָּאעֶזיֶע.

מאָריס ראָזענפעלד.

די גרינע.*)

I.

אַ בעש, אַ געטומעל, עס קאָכט אין די גאַסען,
עס איילען די מענשען, עס לויפען די מאַסען,
עס הערט זיך אַ שימפּפען, עס הערט זיך אַ לאַכען,
מען רעדט און מען פּלוידערט אויף אַלערליי שפּראַכען,
מען טייטעלט מיט פינגער מיט מאָדנע הויות —
איך פרעג ווי צוטומעלט: „וואָס איז דאָ? וואָס נייעס?“
און פרעגענדיג, האָב איך דערזעהן — נעבּיך „גרינע“!
פערוואָגעלטע יידען פון יענער מדינה...
מען האָט אויף די עלענדע לייכט געקענט לעזען,
אין וואָס פאַר אַ קנעכטשאַפט זיי זענען געוועזען;
אין וואָס פאַר אַ ווינקעל זיי זענען געבאָרען,
אויף שפּאָט און פעראַכטונג און בלוטיגען צאָרען.
בעטראַכטענדיג איינעם פון זיי און דעם צווייטען
אַנטלאָפענעם מת פון די צעהנפאַכע קייטען,
בעטראַכטענדיג זייערע טאָרבעס און פעקלעך,
די אָרעמע, שוואַרצע פערלאַטעטע זעקלעך,
האָט פּלוצלונג אַ פראַגע בעשעפטיגט מיין זינען:
די פעקלעך — אָי, וואָס קען דאָרט ליגען דערינען?

II.

אָ זאָגט מיר, איהר אַלטע היסטאָרישע פעקלעך,
איהר יידישע טאָרבעס, איהר יידישע זעקלעך,

---

*) „גרינע“ מיינט מען אויף פראָסט ענגליש פרעמדע, נאָר וואָס אייַנגעוואַנדערטע.

וואָס ליגט עס פערוויקעלט אין אייערע טיכער?
געוויס נישט קיין רעכטע—דערויף בין איך זיכער!
געוויס קיין פּאַפּירען אַז וואו איהר וועט קומען,
זאָל ווערען דער וועג אייך בעשאָטען מיט בלומען,
נו זאָגט דאָך, אַ טלומקעס:—מיין הארץ ווערט צעריסען!
וואָס ליגט עס אין אייך, בין איך גערנע צו וויסען?
און פרעגענדיג—וואונדער! האָט ריכטיג ווי טרעפענד
איין פּעקעלע נעביך זיין בוזעם געעפענט;
אָט גלייך ווי עס וואָלט צו מיר זאָגען מיט שמערצען:
„נאַ, זעה, וואָס איך טראָג אין מיין וואונדיגען הערצען!״
און קוקענדיג טיעף אין היסטארישען שימעל—
וואָס האָב איך דערזעהן! אַ, אלמעכטיגער הימעל!
איך האָב אין אַן אַלטע, צעריסענע טיכעל
דערקענט אַ צעריסענעם, אלטעטשקעם ביכעל!
די טאָוולען פערגאָסען מיט בלוט און מיט טרעהרען—
איהר קענט עס דאָס ביכעל? נישטאָ וואָס צו קלערען!
דאָס ביכעל—איהר קענט עס דערויף בין איך זיכער!
דאָס היילינסטע בוך פון די היילינסטע ביכער!
מיר האָבען שוין פיעל פאַר דאָס ביבעל געגעבען:
דאָס קאָסט אונזער פרייהייט! דאָס קאָסט אונזער לעבען!—
וואו האָט מען שוין אונז ניט געיאָגט און געטריבען
צוליעב די ברילליאַנטען אויף פּאַרמעט געשריבען?—
מיר האָבען די שמות צוזאַמענגעקליבען,
פערשוואָרען זיך היילינ דאָס עביג צו ליעבען,
מיר האָבען׳ס געראָטעט—דאָס איז אונז פערבליבען!

III.

נישט לויפט נאָך די „גרינע״, איהר ווילדע נאַראָנים!
נישט מיינט אַז דאָ פאָהרען אַ באַנדע קבצנים;
דאָס זענען קיין ווילדע, קיין בעטלער, קיין שנאָרער—
רעספּעקט פאַר די צוויי=טויזענד=יעהריגע פאָהרער!
בעגריסט זיי, די קינדער פון איינציגען בורא!

בײַ זײ אין די פּעקלעך... אַ זעהט איהר די סחורה!
דער אוצר פון ליכט פאַר דער וועלט – זייער תורה!
נו זאָגט, קען מען רופען אַזאַ אומה, אָרים? –
אַ פאָלק וואָס האָט מוטה אי דורך נאַכט, אי דורך קברים,
צו לויפען, דורך שרעק, און דורך טויט און דורך פייער,
און רעטען וואָס איהם איז פערהייליגט און טייער;
און רעטען וואָס קאָן צעהלען אַזוי פיעל מאַרשרוטען;
וואָס קאָן אַזוי ליידען, וואָס קאָן אַזוי בלוטען:
וואָס קאָן אַזוי טרעטען אויף אייביגע אימות
און צאָהלען מיט וועלטען פאַר עטליכע שמות;
אַ פאָלק וועלכעס קאָן אַזוי שווימען דורך טרעהרען
און קיינמאָל נישט מיעד, און פערצווייפעלט ניט ווערען –
אַ פאָלק מיט אַזעלכע מעלות דערמאָנען –
אָ וואַשט אייך די ליפען! רעספּעקט, איהר נאַציאָנען!
איך ליעב זיי די „גרינע“, די ביינער-געשטאַלטען,
בײַ זיי איז דער טייערסטער אוצר בעהאַלטען –
אין דיזע פערחשכ׳טע טאָרבעס די שטומע
געפינט זיך די גלענצענדע קרוין פון מײַן אומה;
אין דיזע פערזשאַווערטע זעקעלעך ליעגען
די הייליגע ליעדער וואָס זענען ענטשוויגען;
די הימלישע קלאַנגען וואָס זענען פערקלונגען,
די סטרונעס די זיסע וואָס זענען צעשפּרונגען,
די פאַטוכער-ליעדער וואָס זענען פערשאָרען
צווישען די פערלאָזענע בערג און די טאָהלען...
אָ הערציגע פּעקעליך, ליעבליכע, שענע,
אין אייך ליגט צעפּיצעלט מײַן פאָהן די רײַנע;
אין אייך ליגט דער גייסט פון מײַן פאָלק, מײַנע ברידער –
דורך אייך וועט מײַן אומה נאָך אויפלעבען ווידער!

ה. ד. נאָמבערג.

פון מיכה ו׳.

עס ציטערען טהורמען און ווערען צעשטערט,
עס וואַקעלט זיך שבור די זינדיגע ערד.
און איהר אַ, צופריעדענע, רוהיגע לייט,
פערטאַנצט און פערהוליעט די ביטערע צייט!
און זעהט ניט וואָס ס׳טהוט זיך, און ווייסט ניט וואָס ס׳שאַפט
אויף מאָרגען די רויהע, די אייזערנע קראַפט;
און ליעגט אייך בערוהיגט אויף בעטען פון ביין,
ערוואַכט נאָר צום פרעסען, צום זויפען דעם ווײַן.
אויך האַרפען, ווי דוד, פערשאַפט איהר אייך פיעל
די צייט צו פערטרייבען אין לוסטיגען שפיעל.
נאָר טאַנצען, נאָר הוליען, נאָר זויפען און פרעסען,
אין פרעמדען, אין אייגענעם לעבען פערגעסען!

✽

נישט צו שטראָפען אייך האָט
מיך געשיקט אונזער גאָט! —
אייך וועט טרעפען זיין שטראָף,
ווי אַ דונער אין שלאָף!
נאָר בעפוילען מיך האָט
דער אַלמעכטיגער גאָט:
אייך אין פנים צו שפייען,
אין די גאַסען צו שרייען:
אוי, איך האַס און פעראַכט
אייער לעבען און פראַכט!...

ש. פריד.

דאס העמדעל

פון טהאמאס האאד*).

נעשוואלען די פינגער, עס טרעהרען די אויגען,
די נעהטערין זיצט זיך אין דרייען געבויגען
זי נעהט, נעהט און נעהט
אין הונגער, אין צרות אין נויט.
זי זינגט איבער'ן העמדעל א ביטערעס ליעד
פון פינסטערען לעבען, פון צרות, פון מיעד:

„עס קרעהען די הענער, דו מוזט זיי שוין הערען,
דו ארבייט, האטש עס לייכטען פון הימעל די שטערען,
דו ארבייט און ארבייט, און קלעהר ניט פון שלאפען.
האטש עס ווערען מיט בלוט דיינע אויגען פערלאפען
דו ארבייט און נעה, גאנצע נעכט, גאנצע טעג —
אנ'ארבעל, א קאלנער, א זוים ביי דעם ברעג.
„אנ'ארבעל א קאלנער, א לאטקעלע ווידער...
א פרויען און מענער, א שוועסטער און ברידער!
איהר טראגט ניט קיין לייווענט אויף אייערע העמדער
אויף אייך איז געקליידעט א לעבען — א פרעמדער —

*) טהאמאס האאד איז איינער פון די בעריהמטע ענגלישע פאעטען (1798—1845) זיין „ליעד איבער דאס העמדעל" („Song of the shirt") האט זיך געדרוקט ערשט 2 יאהר פאר זיין טוידט. דאס ליעד האט אין יענער צייט שטארק געווירקט אויף די ענגלישע לעזער און האט ארויסגערופען דא-מאלס א גאנצע בעוועגונג אנטקעגען די שלעכטע בענעהמונגען צו פרויענאר-בייט בכלל. דאס זעלבע ליעד איז געווארען בעריהמט נישט נאר אין ענגלאנד, נאר אויך אין פיעל אנדערע לענדער. אויף רוסיש איז דאס ליעד זעהר גוט איבערזעצט פון מ. מיכאילאוו.

אַ ביטערער לעבען פון אָך און פון וועה...
נעה, נעה און נעה,
אין הונגער, אין צרות און נויט —
איין לייוועגט, איין שטאָלענע נאָדעל, וואָס נעה
דאָס העמד און תכריכים אַלעס צום טוידט...
דו אַרבייט און אַרבייט, אַרבייט און נעה...
ווען דאָרט אונטערן פענסטעריל פינקעלט דער שנעע,
ווען דאָרט איז דער ליעבליכער פריהלינג געקומען,
געקליידעט אין גרינס, אין שמעקענדע בלומען,
ווען דאָרטען די פייגעליך זינגען און טרילען —
דו אַרבייט, דו טאָרסט ניט ניט רוהען, ניט שפּיעלען!

„אַ מאָל חאָטש, איין שעה וואָלט איך לעבען נאָר וועלען
און שמעקען די בלומלן, און לאַכען, און קוועלען,
דער הימעל איז ליכטיג, די בוימער בעגייט —
איך וויל לעבען אַזוי ווי אין אַ פרישערע צייט,
אַזוי ווי אין די ליעבליכע קינדערשע יאָהרען...
נאָר איצט איז מיין לעבען פאַראומערט געוואָרען —
איך מוז צוליעב טרוקענעם ביסעלע עסען,
מיין לעבען מיין ווילען, מיין פרייהייט פאַרגעסען...

חאָטש אַ שעה זאָל איך האָבען אַ האָפנונג אַ נייע,
נאָר ניין, ס'איז ניטאָ גאָר קיין רגע קיין פרייע,
די צייט איז מיט צרות אינגאַנצען פערנומען
איין רגע פון איהר קען ניט ווערען גענומען,
איך וואָלט וויינען אַביסעל, וואָלט גרינגער מיר ווערען,
נאָר שטילער, פערהאַלט זיך, ניט רינט מיינע טרעהרען,
עס קען ווערען די אַרבייט פאַרנעצט"...

. . . .

געשוואָלען די פינגער, עס טרעהרען די אויגען
די נעהטערין זיצט זיך אין דרייען געבויגען,

זי נעהט, נעהט און נעהט,
אין הונגער אין צרות אין נויט —
זי זינגט איבערן העמדעל א ביטערעס ליעד,
פון פינסטערען לעבען, פון צרות, פון מיעד...
צי זעהט איהר די טרערען, הערט די געשרייען,
ווער וועט גאר צו אייך דאס ליעד ניט פערפליהען?

א. רייזען.

מיאוס איז די ערד...

מאוס איז די ערד, מיין פריינד,
און פערדעקט מיט ראסט;
וואקסט אמאל א בלימעל אויס —
טוידט עס אב דער פראסט.

טרויריג איז די ערד, מיין פריינד,
ווי אין הערבסט דער וואלד!
פליהט אמאל א פויגעל דורך
שיעסט דער יעגער באלד...

* * *

איך ווארט אויפ'ן ליכטיגען טאג, וואס וועט קומען
מיט גאלדענע שטראהלען, מיט בליטהען און בלומען;
מיט פרישערע לופטען, אין װעלכע ס'וועט קלינגען
די פרעהליכע ליעדער פון פאלק, וואס וועט זינגען;
די פרעהליכע ליעדער, וואס וועט ניט בעגלייטען
קיין זיפצען, קיין קרעכצען, קיין קלינגען פון קייטען.

י. באָבשעווער.

צו די ברידער.

קומט, ברידער, געטרייע! אהין לאָמיר שטרעבען,
אהין, וואו די זילבערנע קוואלען פון לעבען
צוגיסען זיך ברייט פונ׳ם פעלזען ארונטער
אין פלוידערן, בלאפלען, און רופען אונז מונטער:
קומט, יידישע קינדער!
קומט גיכער, געשווינד
און לעשט אָב פון הארצען דעם ברענענדען פלאם!
פערלירט קיין סעקונדע,
דען קורץ איז די שטונדע!
מיר פליסען אוועק באלד אי׳ם נאכט־שווארצען ים!...

* *

*

קומט, ברידער, אהין אין געשלאָסענע רייהען, —
דאָרט וועט נאָך א בלום אונזער הארצען ערפרייען
בענעצט מיט דעם לעבענס פארפומיגע טראָפּענס;
דאָרט זינגט זי איהר ליעדער ביי׳ם פעלזען צוקאָפּענס
„איך בין פון די בלומען
פון לעבען גענומען,
אָהן מיר איז ער ביטער, נאָך ביטערער ווי גאל; —
איך בין עם די פרייהייט,
איך דיען אייך מיט טרייהייט, —
קומט, פליקט מיך, איך גלענץ, ווי א הימלישער שטראהל!“

א. רייזען.

דער נאַכט־וועכטער.

שפעט. די נאכט איז קאלט און פינסטער,
טרויעריג און נאס;
אין די הייזער רוהען אלע —
טויט און שטום אין גאס.
עלענד שלעפט זיך נאר דער וועכטער
אויף דער גאס ארום;
אין די שטילע הייזער קוקט ער
וועהמוטהיג און שטום.
דארט אין וויכען, ווארעם־בעטעל
שלאפט זיך אזוי גוט;
אוי, ווי וואלטען זיינע ביינער
דארט זיך אויסגערוהט!
און ער קלאגט זיך פאר'ן הימעל:
זעה מיין טרויער צו:
איך אליין האב גארנישט. — היט איך
פרעמדען גליק און רוה!...

מ. שארקאנסקי.

א בריעף צו דער מאמען.

זעהט נאר, זעהט דעם ארמען פעדלער,
וואס מען צופט ביי׳ם באָרד!
אויף נאמנות, ער איז עדלער,
ווי דער פיינסטער לאָרד!
לאנג זיין נאָז, און קרום דער רוקען,
זיינע גליעדער דאר און טרוקען,
און זיין פנים בלאס מסוכן,
דאָך אין הארצען טיעף
וואוינט די ליעבע, און די טרייע,
און זיי זענען איהם מחיה,
ער בעקומט גאָר קרעפטען נייע,
ווען ער שרייבט דעם בריעף;
„מאמע מיינע, דרייצעהן טהאָלער
שיק איך דיר אצונד
אין דעם בריעף, דיך טרעפען זאָל ער
פריש נאָר און געזונד.
צעהן זאָלסטו אליין פערלעבען,
צוויי זאָלסטו דער שוועסטער געבען,
און א טהאָלער, וועניג כ׳לעבען,
אויף דעם ריינעם פעלד.
שרייב מיר אלע נייס פון שטעדטיל,
וואס־זשע מאכט די מוהמע עטיל,

ווען־זשע שיקסטו דיין פאטרעט'ל?
וואס אם גילסטען מעלד!
„מאמע מיינע, ווי מיט פליעגעל,
וואלט איך פליהען יעצט!
חאטש דיך זעהן, ווי דורך א שפיעגעל,
מיט מיין אויג צולעצט!
אבער וועה און ווינד די יאהרען!
איך וואלט אזוי גערן פאהרען,
נאר איך קאן קיין געלד ניט שפארען
אויף דעם־מהלך־רב!
וויטער געהט עס מיר נישקשה,
דיר גריסט הערצליך שרה דוואשע,
און מיין זוהן אברהם יאשע
שרייבט דיר מיט זיין כתב.

א. רייזען.

איצט פערשטעה איך...

איצט פערשטעה איך, וואס די פייגעל
זינגען אזוי לוסטיג, פרעהליך,
אין דעם גרויסען וואלד דעם גרינעם
לעבט זיך יעדער, ווי א מלך.

יעדעם גרעזעל, יעדעם בלימעל
איז פאר אלע פריי און אפען
און די וואהנונגען בחנם —
אלע האבען וואו צו שלאפען...

איצט פערשטעה איך, וואס די פייגעל
זינגען, קלינגען — ליעב און ליעבער;
אה, זיי זינגען, וואס זיי ווילען,
קיינער, קיינער קוקט נישט איבער...

י. ל. פרץ.

אוים די נְבִיאים,

גאָט פרעגט.

„אז איך בין פול די גאַנצע וועלט,
וואָס שטעלסט דו מיר אַ הויז?
דאַרף איך עסען, טרינקען דען?
וואָס מאַכט דיין קָרְבָּן אוים?"

„דאַרף איך אָקסען פליייש און בלוט?
וואָס מאַכסט דו דיך צו לאַסט?!
צו דיין אייגען פעטס און בלוט?
וואָס קומט אַרוים דו פאַסט?!"

„און — דיין געבעט! וואָס ווילסט דו, מיך
אַלס שותּף צו דיין רויב?
און בעטסט דו שוין, וואָס שרייסט דו נאָך?
דו מיינסט, אַז איך בין טויב?"

„און אויך די הענד וואָס שפּרייטסט דו אוים?
איך וויים זיי זענען לאַנג!
וואָס בייגסט דו נאָך דען קאָפּ צו דר'ערד —
בעהאַלטסט דו דיין געדאַנק?"

יוסף יפה.

מיין זיידענס ברכה.

נאך דער סעודה פאר כל נדרי,
פלעגט מיך בענשען דאן מיין זיידע;
אויף מיין קעפיל פלעגט ער לעגען
זיינע דארע הענד די ביידע.

צוגעטוליעט צו זיין קיטעל.
פלעג איך ציטערען און הערען,
און דעם זיידענס חמארנע אויגען
פלעגען ווערען פול מיט טרעהרען.

„נו מיין קינד, איצט קום אין שול מיט;
גאט וועט אלדאס גוטס שוין געבען.
זיי א גוטער, זיי א פרומער.
שרייבט ער אן דיר לאנג צו לעבען.

און מקוים איז געווארען
אט דער טייל פון זיינע ברכות:
לעבען לעב איך אין יסורים,
כ'וויים ניט וועמען אויף להכעים,

קראנק און עלענד נאך פון קינדהייט
און אין קיין זאך קיין הצלחה,
איז מיר נמאס לאנג מיין לעבען,
דאך עס גילט מיין זיידענס ברכה.

לאנגע יאהרען — און איך האב װי
נאר דערצו אויך לאנגע שמערצען;
יעדען טאג — א נייעם אונגליק,
נייע װאונדען אין מיין הערצען.

זיידע, האסט געמיינט צו גוטען,
און דיין ברכה האט געגאלטען,
אבער, זיידע, מיט דיין בענשען
האסט דו מיך דאך גאר פערשאלטען!

ניו-יארק,

ז. שנייאור.

אַ שטיין.

עס איז געווען אַ נאַכט, אַ זומער־נאַכט אַ קיהלע,
אָנגעזאַפּט מיט בלאָה'ס און לבנה־שיין און ליבע —

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

ערגעץ וואו אין גראָז בין איך געלעגען עלענד,
און געזוכט אַ האַרץ מיט וועמען זיך צו טיילען
די בענקשאַפט און די נאַכט...
געווען איז צו פיעל גוט, אַז איך זאָל קאָנען שווייגען,
צו פיעל פריש דאָס גראָז, אַז איך אַליין זאָל שמעקען,
צו פיעל טיעף דער הימעל, אַז מיין געדאַנק זאָל דאָרטען
אומשווימען אַליין און ניט דערטרונקען ווערען.
אַ גרויסעס זומער־גליק איז אין דער לופט געהאַנגען, —
געבעטען זיך אין האַנד אַריין, געבעטען זיך אין האַרצען —
אַ גליק צו גרויס, צו זיין פאַר איין נשמה צו פערדויען.
מיט וועמען טיילען זיך איז אָבער נישט געוועזען.
אַלע האָבען פון דער נאַכט, פון גרויסען זומער־גליק
נאָר קליינע, קליינע שטיקעלעך געגנב'ט,
בעהאַלטען זיך מיט ווייב און קינד, מיט כלות און חתנים,
פערשלאָסען טיהר און לאָדען, קיינער זאָל ניט זעהען
און נאָגען דאָרטען שטילערהייד, אַז קיינער זאָל ניט הערען.
איטליכער אין זיין קאָנורע פון זיין פיצעל נחת...

איך האָב געזוכט אַ האַרץ און האָב אַ שטיין געפונען,
עלענד אין דעם גראָז, ווי איך, איז ער געלעגען.

גאָרנישט געבענדיג דעם לעבען — גראָה און קאַלט און האַרט
האָט ער אַליין פון לעבען גאָרנישט ניט געוואַרט.
איך האָב איהם צוגערוקט צו זיך און צוגעדריקט מיט בענקשאַפט,
ווי צו אַ שטומען ברודער מיין צוהיצטען שטערען;
פערהילעט איהם געדיכט מיט מיינע שוואַרצע לאָקען,
געפיהלט מיט מיינע אָדערען זיין שטיינער־האַרץ,
אָנגעטאַפּט מיט מיינע נערווען זיין גראַניטנעם דופק,
איינגעזאָפּט אין זיך מיט טויזענד מיילכלעך פון מיין הויט
זיין שוויינען און זיין האַרטקייט...
און כ׳האָב געפיהלט אָהן ווערטער, וויפיעל וואַסערען און שטראָמען
ס׳האָבען איהם געקויקעלט און געשליידערט,
וויפיעל רעגענס האָבען איהם געשווייקט און וויפיעל ווינדען
האָבען איהם פערשאָטען און צוריק אַרויסגעגראָבען,
וויפיעל ווינטערען ער האָט געוואוסט און וויפיעל זומער־נעכט
ער איז געלעגען עלענד, עלענד, עלענד...
ער שוויינט, ער שוויינט מיין שטיין, און איך וועל שוויינען אויך.
פון פערמאַכטע לאָדען צינגלען פייערלעך מיט שפּאָט,
אין פערשפּאַרטע הייזער שוועבען הייסע פרויען־שאָטענס...
ער שוויינט, ער שוויינט מיין שטיין! און איך וועל שוויינען אויך...

י. ל. פרץ.

מײַן ניט...

מײַן ניט, די װעלט איז אַ קרעטשמע — בעשאַפֿען
מאַכען אַ װעג זיך מיט פֿױסטען און נעגיל
צו׳ם שענק־פֿאַס, און פֿרעסען און זױפֿען, װען אַנדרע
קוקען פֿון װײַטען מיט גלעזערנע אױגען,
פֿערחלשט און שלינגען דאָס שפּײַעכץ און ציהען
צוזאַמען דעם מאָגען, װאָס װאַרפֿט זיך אין קרעמפּפֿען —
אָ, מײַן ניט, די װעלט איז אַ קרעטשמע!

מײַן ניט די װעלט איז אַ בערזע — בעשאַפֿען
דער שטאַרקער זאָל האַנדלען מיט מידע און שװאַכע,
זאָל קױפֿען בײַ אָרימע מעדלעך די בושה,
בײַ פֿרױען די מילך פֿון די בריסטען, בײַ מענער
דעם מאַרך פֿון די בײנער, בײַ קינדער דעם שמײכעל,
דעם זעלטענעם גאַסט אױפֿ׳ן װאַקסענעם פּנים — —
אָ, מײַן ניט, די װעלט איז אַ בערזע!

מײַן ניט, די װעלט איז אַ הפקר — בעשאַפֿען
פֿאַר װעלף און פֿאַר פֿוקסען, פֿאַר רױב און פֿאַר שװינדעל,
דער הימעל — אַ פֿאָרהאַנג, אַז גאָט זאָל ניט זעהען;
דער נעבעל — מען זאָל אױף די הענד דיר ניט קוקען;
די ערד — אײַנצוזאַפּען דאָס בלוט פֿון קרבנות —
אָ, מײַן ניט די װעלט איז אַ הפקר!
די װעלט איז קײן קרעטשמע, קײן בערזע, קײן הפקר!
געמאָסטען װערט אַלעס, געװאױגען װערט אַלעס!

קיין טרעהר און קיין בלוטיגע טראָפּען פערגעהען,
אומזיסט ווערט קיין פונק אין קיין אויג ניט פערראָשען!
פון טרעהרען ווערט טייכען, פון טייכען ווערט ימים,
פון ימים — אַ מבול, פון פונקען — אַ דונער, —
אָ, מיין ניט, לית דין ולית דיין!...

אויגען און ליפּלעך.

איהרע אויגען, איהרע ליפּלעך —
אויף דער וועלט צוריהמען.
וענען פּיילכען דען און רויזען
ניש די שענסטע בלומען?

פּיילכען זענען איהרע אויגען,
און זיי לייכטען, וואַרעמען.
דאָך די רויזען־ליפּלעך שעלטען,
זאָל זיך גאָט ערבאַרעמען!...

אמת און שקר.

שקר — שטעהט — אין לו רגלים,
אָבער אמת זי האָט פיס.
פאָרט דער שקר אין קאַרעטען,
און דער אמת געהט צו פיס.

פון די פיס דאָך פאַלט דער אמת,
ווי ברליאַנטען - היהנער אויגען;
קוים זי שלעפּט זיך, און דער שקר
פליהט זיך „נאַשפּיץ“—פייל פון בויגען...

און בעשפּריצט זי מיט דער בלאָטע
און דערלאַנגט איהר מיט דער בייטש;
און די גאַסען־יונגען לאַכען:
ווייס וואָס „נאַבאָק“ איז דער טייטש!...

מיין שטעדטיל.

אין קעניגרייך פוילען
הארט ביי דער גרענעץ
ליגט זיך מיין שטעדטיל
גרוים ווי א גענעץ.
און קוים וואס מען זעהט עס,
מען הערט עס אויך זעלטען,
הייזלעך ווי ניסלעך,
פון שמות געצעלטען
אין גאנצען א צעהנדליג
צו צעהלען אויף פינגער,
עס בייסען די ציינען
די דעכער פאר הונגער!
און שטיל ווי א קברות,
מענשען ווי מתים,
קיין גאוה, קיין תאוה,
מע'לעבט פון תעניתים...

— — — — — — — — — — —

און גאט האט מיין שטעדטיל
גאר ראפטאם בעגליקט,
ער האט איהר פון הימעל
א מחיה געשיקט:
געקומען א דייטשיל,
וואס האנדעלט מיט תבואות,
וואס צאהלט אלץ אין בארען!...
און מאכט ניט קיין שהיות!...
עס הויבען אן האנדלען
גאר שוחטים, דינים,
עס לויפען, עס קויפען
מלמדים, בטלנים...

אלעס אין סחורה,
פון פארשום א רענגען!
אין פויערען מיט פוהרען
פערלענגען די וועגען,
מען דארף נישט בעקוקען...
געקויפט און געשטעלט...
עס שיטען אן יידלעך
פעסער מיט געלד!...
אח, ווער געדענקט
אזא גאלדענע צייט?
מען טראגט אין דערוואכען
נאר סאמעט מיט זייד...
און חתונות מאכט מען
טאג טעגליך כסדר;
בעווארפען די שניידער
מיט חתונה־קליידער;
עס זענען אהן הענד שוין
די כלי־זמר געבליבען,
די חופה צעריסען
די שטאנגען צעריבען...
עס האט שוין דער בדחן
קיין כח צום לאכען,
מען קריגט שוין קיין וואקס ניט
הבדלות צו מאכען.
לעקאך פאר ברויט שטאדט,
און נים פאמעראנצען!..
עס קאכט ווי א קעסעל
דאס שטעדטעל אין גאנצען!...

— — — — — — — — — — —

כ'האב קיין געלד.

כ'האב קיין געלד און קיין פערמעגען,
ס'איז ניט שרעקליך!
כ'האב קיין סאמעט און קיין אטלעס,
האב איך רויטע בעקלעך!

כ'האב קיין שפיצען, קיין ברעליאנטען,
ווייס איך וואס זיי טויגען!
כ'האב א האלז אנ'אלבאסטער,
צוויי בריליאנטען אויגען!

כ'דארף קיין פעריל, זעהט די ציינדלעך,
אח, ווי זיי געפעלען!
און די יונגע פרישע ליפלעך
זענען מיינע קרעלען!

פעהלט מיר' געלד דען? זעהט די לאקען!
און וואס גליק איז — ווייס איך,
לאזט מיך לאכען, לאזט מיך לעבען,
לוסטיג לעבען הייס איך!

פאלקס-מאטיוו.

שטיינערנע פאלאצען,
אייזערנע באלקאנען
טרעפ פון ווייסע מארמאר,
גאלדענע סאלאנען;

קריסטאלענע שוויראנדאלען
בלאנקען דורך די שויבען...

דארט וועט מיין געליבטער
זיך א כלה קלויבען!

זיך א כלה קלויבען,
שענער און געזינטער,
און איך וועל דא פוילען,
ווי א בלאט אום ווינטער...

בר־כהן.

אַ קרעמער.

אַ קרעמעל — אַ שפּאַן,
אונ פאַלקעלעך צוויי,
און סחורה פאַרהאַן
איז היבשע אויף זיי. —

אַ הערינג, אַ מעהל,
אַ פּעקעלע טהיי,
אַ זעמעל בײַ׳ם שוועל,
אַ קעז צווייערליי.

און פוטער נאָר פריש,
און פעפער, אַנ׳איי;
און טשוועקעס, און ניס,
און קויהלען, און קליי...

נאָר לעזונג איז קנאַפּ
מיט מזומן פאַר זיי —
אַ חאַפּ און אַ לאַפּ
אויף אַ וואָך און אויף צוויי...—

אַ הצלחה פון גאָט.

ביז דרײַצעהן אין חדר
און נאָכדעם אין מנין,
— דאָס לערנען געמאַכט פאַר אַ פאַך;
צו פערצעהן אַ מתמיד,
צו זעכצעהן אַ קנין,
און נדן גענומען אַ סך...

צוויי הונדערטער גרייטע,
אויף נאָך צוויי אַ קוויטעל,
אַ ווײַבעל מיט יידישען חן —
ניט קלוג און ניט נאַריש,
אַזוי זיך, — האַלב — מיטעל,
און שווער אויפ׳ן פּום ווי אַ שטײַן...

אונ גאָט האָט געשיקט מיר
אין „בלוט“ נאָר די ברכה...
אונ „גוטע“ — זאָגט ער—געהם זיך אליין! —
„דו טהו! — איך וועל שיקען
אין „טהון“ די הצלחה,
כ׳וועל בענשען דיין „זיצען“, דיין „געהן“!

אונ קנעלען געזעצט זיך,
גאָר וועניג גע׳טענה׳ט...
אונ טאקי ביי׳ם שווער נאָך אין הויז;
אונ פאלט מיר אין קאָפּ ווען
א שידוך אריינעט,
דאָ געה איך אונ פיהר זיך איהם אוים... —

אַ שוועסטער.

אלט איז זי דרייסיג,
אונ זאָגט אז נאָר צוואנציג,
אונ חלומט אונ רעדט אלץ
פון עפּעס א פּראַנטיג,
וואָס קומט צו דעם ברודער
פערברענגען, א שטייגער,
פערדרעהט זיך, פערזיצט זיך
ביז שפּעט אויפ׳ן זייגער...
אונ רעדט ער, איז פּשוט
סחיה צו הערען;

אונ מעהר ווי צו׳ם ברודער
„צו איהר“... וואָלט זי שווערען;
אונ נאָכדעם אלץ ווילט זיך
נאָר שווייגענדיג קלערען,
אונ וויינען ביז לאַכען,
אונ לאַכען ביז טרעהרען...
נאָר אומרוהיג איז זי,
וואָס טיילמאָל פערגעסט ער
אונ רעדענדיג וואַרפט ער
אַנ׳אויג אויף איהר שוועסטער...

זעהסטו.

זעהסטו — עס קנייטשען זיך,
— קירצען זיך טעג?
— דאס קלייבט זיך דער זומער
דער ליעבער אין וועג: —
זעהסטו דאס בוימ׳ל
ווי טרויעריג עס קוקט?
— דאס האט זיך שוין נאהענט
דער הערבסט צוגערוקט! —

זעהסטו א שנירעלע
ציהט זיך דארט ווייט?
— די שוואלבען צופליעהען!
— עס בייט זיך די צייט!
אויפ׳ן הימעל א וואלקען,
אויפ׳ן הארצען א שטיין,
— ניט לאז, אח, געליעבטע,
חאטש דו מיך אליין!... —

עס פליהען די יאהרען.

עס פליהען די יאהרען,
עס קריכען די טעג,
אך, קורץ איז דאס לעבען,
און ס׳ציהט זיך דער וועג! —

א זומער, א ווינטער,
א חשך, א שטראהל;
א בליה און א טריקען,
א הויב און א פאל...

א הימעל מיט שטערן,
א נעבעל ארום;
א הארץ מיט געפיהלען
און שטיק זיך, און שטום!...

אַברהם וויעוויאָרקא.

דאָס מעדעל.

(פאָלקס מאָטיוו).

ס'איז געווען אַ מעדעל
מיט אויגען – פייער, שוואַרץ,
און האָט געהאַט דאָס מעדעל
פול מיט היץ אַ האַרץ...

אַ פולע האַנד מתנות
האָט גאָט בעשענק דאָס מעדעל,
אויסער זאַכען צוויי פערפעהלט:
ברויט אַשטיקעל, און אַ קליידעל...

און עס צוקט דאָס הערצעל;
דער הונגער נאָגט און נאָגט.
און די קניע זי ציטערט:
עס יאָגט דער פראָסט און פלאָגט...

. . . .

געהאָלפען ווערט דאָס מעדעל,
דען גאָט איז האַרציג, ווייך,
און ער זאָגט צום מעדעל:
„זעה, איך מאַך דיך רייך!...

„כ'האָב דיר אַ האַרץ געשענקט,
„און אויגען פול מיט פייער,
„געה אין גאַס, אָ, געה און רוף:
„האַרץ, קונים, פאַר אַ דרייער!
„אויגען פאַר אַ גראָשען,
„פאַר אַ קאָפּיקע ברוסט!...
„געה, דיר וועט עס גליקען,
„וויל מענשען האָבען לוסט"...

עס רופט אין גאַס דאָס מעדעל:
„קויפט סחורה, גאָר אַ פּראַכט,
פון דער בעסטער פירמע;
פון גאָט אַליין געמאַכט!״...

און עס קויפען מענשען,
(מענשען זענען גוטע,
און נאָך, צו קויפען סחורה
טייערע, פאר אַ פּרוטה...)

צובראָקעלט איז דאָס הארץ,
די בראָקלעך מענשען קויפען;
אַ פּסוק שעפּטשען פרומע,
שפייען אויס — אַנטלויפען...

דאַמאָלט, פול יסורים,
גיט אַ זיפץ דאָס מעדעל,
און די רופט, זי ענטפערט:
„אַלץ איבער אַ קליידעל״...

. . . .

געשטאָרבען איז דאָס מעדעל
אין אַ שטאַל פון פערד,
און אומזיסט בעקומען —
האָט זי פיער איילען ערד...

שאַ — שטיל אָהן קדיש ווערט
גאָט׳ס סחורה דאָרט בעגראָבען,
(זאָרגט ניט, מענשען, זיפצט ניט, —
אַנדערע וועט איהר האָבען!...)

. . . .

. . . .

די לעצטע שופער אויפ'ן קבר,
האט צוגעדעקט דאס מעדעל,
די לופט, זי האט געברומט:
„א קרבן פון א קליידעל!"...

. . . .

ס'איז געווען א מעדעל
און האט געהאט דאס מעדעל
ברוסטען – צוויי וואולקאנען,
פול מיט היץ א הארץ..

ה. ד. נאָמבערג.

אוי ווֶעה און חַא־חַא־חַא, אוי אוי.

I.

אַ שאָטען איז דעם מענשענס לעבען, —
אוי יאָ! עס איז אַזוי.
ער יאָגט דאָס גליק און טרעפט דאַנעבען
און יאָגט און פאַלט, אוי־אוי!
חאַ־חאַ! ער יאָגט און לויפט!
אוי וועה! דאָס גליק אַנטלויפט!
די צייט
פערגעהט;
אַליין
בלייבט שטעהן
דער מענש און זעהט: דער קאָפּ איז גרוי!
ער פרעגט ערשטוינט: „וואו איז דער ציעל?"
און לאַכט מיט גאַל: „דער סוף פון שפּיעל!"
אוי־וועה און חאַ־חאַ־חאַ, אוי־אוי!

II.

די וועלט איז נאַריש און פערדאָרבען, —
אוי יאָ! עס איז אַזוי.
זי האָט פיעל האָב און גוטס ערוואָרבען
און נויט — נאָך מעהר, אוי־אוי!
חאַ־חאַ! דאָס געלד בעגליקט!
אוי־וועה! די נויט דערשטיקט!

איך שעלט
די וועלט
מיט האק
און פאק
און טראכט דערביי מיר שטיל אזוי:
און שלאגט די וועלט זיך קאפ און וואנד,
בלייב רוהיג, הארץ! זיי קלאר, פערשטאנד!
אוי-וועה און חא-חא-חא, אוי-אוי.

III.

מיין מעדעל איז א ליעד פון ליעדער, —
אוי יא! עס איז אזוי.
א קרוין א קאפ, געטאקטע גליעדער,
און אויגען צוויי — אוי-אוי!
חא-חא! זי לאכט און שטיפט;
אוי-וועה! זי בייסט מיט גיפט!
איהר בליק
גיעט גליק,
זי קושט —
דערפרישט,
איהר מילדקייט איז פריה-מארגען טהוי —
דאך שפיעלט זי יעצט אויף יענעם'ס שוים!
זיי רוהיג, הארץ, און לאך דיך אוים!
אוי-וועה און חא-חא-חא, אוי-אוי!

ד. פרישמאַן.

די נאַכט איז שטיל.

די נאַכט איז שטיל, די נאַכט איז בלוי —
מיר ביידע געהען צוזאַמען;
עס שלאָפען שטיל די גאַסען שוין,
נאָר שטילע שטערען פלאַמען —

און בלוי די נאַכט, און שטיל די נאַכט,
די שאָטענס טהוען זיך יאָגען!
איך הער דעם ווידער־קול ביים געהן,
דיין האַרץ, איך הער עס שלאָגען.

זיי רוהיג קינד, לאָז רוהיג זיין
דיין אויפגערעגט געוויסען!
דער טאַטע שלאָפט, די מאַמע שלאָפט —
און וועלען גאָרנישט וויסען.

מיר געהען שטיל! מיר זעהען נאָר,
דער בין געהט, דער אַלטער;
ער געהט גאָר מיעד, און אין דער האַנד
א שווערען ספר האַלט ער.

דער אַלטער איז א גוטער מענש
און וועט אונז נישט פער'מסר'ן —
זיי רוהיג, קינד, און האָרך, ווי שען
עס רוישען שטיל די וואַסערן.

דער אלטער געדט אין שול אריין,
ביינאכט לערנט ער דארט תורה,
און אונזער סוד נעהמט ער מיט זיך
אך, קינד, וואס האסטו מורא?

און אונזער סוד בעגראבט ער דארט
אריין אין זיינע ספרים —
זיי זענען פאר א זעלכען סוד
גאר הייליג־שטילע קברים.

און פון די שטילע ספרים וועט
דער סוד צום הימעל פליהען,
און פאר די פים פונ׳ם גוטען גאט
וועט ער זיך פאר אונז מיהען.

זעקס.

(א דראמע אין פיער אקטען).

שען־צירעל זיצט ביי׳ם פענסטער
און מאכט א שטיקעריי. —
זעקס לאקען אויף דעם שטערן,
פון יעדער זייט צו דריי.

א בחור, רויט פאר ליעבע,
קומט פון דער גאס פארביי: —
זעקס הערעלעך די וואנסע —
פון יעדער זייט צו דריי.

דער בחור מאכט מיט צירלען
א גאנצע ליבעריי: —
ער ווארפט איהר צו זעקס קושען —
פון יעדער זייט צו דריי.

דער טאטע זעהט און בעס׳ט זיך
און שרייט געוואלד: איי—איי!
און גיט באלד זעקס דעם בחור —
אויף יעדע באק צו דריי.

ש. פרוג.

מיט וואס איך בעשעפטיג זיך.

מיט וואס איך בעשעפטיג זיך? – עט,
א שאלה כ׳לעבען... קלוג גערעדט!
פרעגט בעסער: מיט וואס ניט?...
ביי מיר אין קרעמיל קאלט און זידט –
א האנדעל – א יריד!...
ביי מיר בעקומט איהר מעהל און באב,
א לולב, און א טשאלענט טאפ,
א פאהן אויף שמחת תורה
און אלץ די בעסטע סחורה!...

דער קאפ פערדרעהט...
איך בלייב אהן הענד...
דער האנדעל געהט,
דער האנדעל ברענט --

מיט פעך,
מיט בלעך,
מיט הארץ, מיט גלאז
מיט פויגעל=מילך, מיט יקנה״ז,
מיט טשוועקעס, מיט קמעות,
וואס העלפען באלד צו וואס איהר ווילט,
סאי אבגעבריהט און סאי פערקיהלט, –
איך שווער אייך ביי בארד און פאות...

וואס ווילט איהר נאך? אויך האנדעל איך
מיט בשמים, מיט חליצה שיך,
מחזורים און סדורים
און גרייגערס אויף פורים,

מיט זאלץ,
מיט שמאלץ,
מיט ווינד, מיט רויך,
און מיט אתרוגים אויך,
מיט וויין,
מיט ליין,
מיט וואקס,
מיט פלאקס,
מיט אלע מינים תבואות,
מיט פרישע גרינס אויף שבועות,
ביי מיר בעקומט איהר עסיג טהיי,
טלתים קטנים אלערליי,
און זייף, און יארמעלקעס און היי,
און אויב איהר ווילט הבדלות
לאנגע ווי דער גלות.
א כלל—איך טאפ
און זוך און חאפ,
און דרעש און מאהל,
און פרוב און קלייב,
און שטארב דריי מאל
מיט קינד און ווייב
אין קרענק אין פלאג,
אין נויט, אין קלאג,
פאר הונגער יעדען טאג!...

רבי=געלד.

מלמדים האב איך אלערליי...
דערמאהנענדיג זיך נאר אין זיי

פערהאפט מיר אזש דער אטהעם...
צוויי טויזענד יאהר, אז אהן א שיעור
צוויי סדרות לערנען זיי מיט מיר:
אי, „בלק״ און „משפטים״!...
וואס אבגעקאסט האט רבי־געלד,
און ווי מען האט געשמיסען,
בערעלענען—נעהמט מיך דורך א קעלט...
ניטא דער קאנטשיק אויף דער וועלט,
וואס ל׳זאל זיין טעם ניט וויסען...
גענוג געהאפט אי קלעפ, אי שמיץ,
גענוג געפיהלט אי קעלט, אי היץ,
און צרות אנגעקליבען...
גענוג געקנעלט מיט מיר—און דאך
א חדר־יינגעל בין איך נאך
ביז איצט, ביז איצט געבליבען!...
ניט נעקלערט און ניט געטראכט—
וואלט איך הערען טאג און נאכט
באבע מעשות־לידלעך.
פון דער ווייסע ציגעלע
אונטער אונזער וויגעלע,
פון די רויטע יידלעך...
זיסע מעשות אהן א צאהל
פון משיח׳ס צייטען,
ווען מיר וועלען אויך אמאל
ווערען גלייך צו לייטען, —
וועלען טרינקען זיסען וויין,
רענדלעך וועלען אונז אריין
טויזענד גלייך אין בייטעל...
און אזוי אט געהט עס, אח!
ביז איך האפ א גוטען שטאך
פון דעם רבינ׳ס טייטעל!...

צוויי בילדער.

Neue Zeiten—neue Voegel
Neue Voegel—neue Lieder.

I.

איהר געדענקט די אלטע טאגע,
ווי א מאל, א מאל פארצייטען;
פלעגען מיר דעם טאג פערברענגען,
וועלכער הייסט ביי אונז „יום-כפור״?

* * *

אין די גערטנער פון יריחו,
אין די גרינע פאלמען-גערטנער,
קלינגען הארפען און טראמפעטען,
שאלען זיסע, יונגע שטימען;

זיסע פרויען-שטימען קלינגען
און זיי פליסען העל און פרעהליך,
ווי א קלאנג פון זילבער-גלעקער
אויף די פרישע בלומען-שטאקען:

— „קומט אהער, אהער, בחורים!
קלינגען יענע ליעבע שטימען:
קוקט, דא זענען אלע שענסטע,
פיינסטע טעכטער פון יריחו.

ווי די פאלמען, הויך געוואקסען,
פריש און דופטענד ווי די רויזען,
אלע שענסטע, אלע ליעבסטע,
פיינסטע טעכטער פון יריחו.

קומט אהער, אהער, בחורים!
קלייבט אייך, קלייבט אייך כלה׳ס...
אבער
קוקט ניט נאר אויף אונזער יוגענד,
וועהלט ניט נאר אליין די שענהייט,

ווייל די יוגענד וועט פערבליהען,
און פערגעהן וועט די שענהייט;
בלייבען וועלען גוטע זיטען,
בליהען עביג וועט די טוגענד.

גוטע זיטען, טיעפע ליעבע,
פיינע, עדעלע געפיהלען —
דאס איז אונזער גרעסטעס רייכטהום,
דאס איז אונזער בעסט׳ פערמעגען!...

שווארצע לאקען, ווייסע קליידער,
שווינדלען, פלאטערען פון ווייטען,
דורך די גרינע פאלמען-צווייגען,
דורך די פרישע בלומען-שטאקען,

אלע גלייך געקלייד — אין גלאטע,
ווייסע קליידער. לויט דעם מנהג,
פלעגען דאמאלס זיי די קליידער
בארגען איינע ביי דער צווייטע:

ס׳זאל ניט זיין ניט רייך, ניט
ארעם,
ניט קיין גדלות, ניט קיין בושה...
אלטע צייטען — אלטע בילדער,
אך, זיי זענען שוין פערגאנגען!...

II.

נייע צייטען — נייע מענשען,
נייע מענשען — נייע בילדער:
העל און ליכטיג איז דער גרויסער
שענער טאנץ-זאל אין „סאבראניע״.

אין דעם גרויסען, שענעם טאנץ-זאל
זאמלען זיך צונויף צו'ם „אבענד“
אלע שענסטע, אלע בעסטע,
פיינסטע טעכטער פון יריחו;

אלע פיינסטע, אלע בעסטע,
שענסטע טעכטער פון יריחו,
פון יריחו און פון חברון,
פון בערדיטשעוו און פון קאוונא:

פרייליין מאריא פסחאוויטש,
נאסטיא קאפּהאן, פראסיא למך,
און די שענע איזאבעלע,
איזאבעלע לאקשן-צימעס.

אלע זענען זיי געקליידעט
נאך דער לעצטער, שענסטער מאדע,
און זיי זינגען גאר אנ'אנדערש,
גאר אנ'אנדערש, נייעם ליעדעל:

„קומט אהער, אהער חתנים! —
זינגען מאריא, נאסטיא, פראסיא,
און די קלוגע איזאבעלע,
איזאבעלע לאקשען-צימעס:

„— קומט אהער, אהער, דאקטורים,
אינזשעניערען, אדוואקאטען,
מיט נאשיוזקעס, מיט קאקארדעס,
מיט דיפּלאמען, אטעסטאטען;

נעהמט אונז, גוואלד, אוי, האט רחמנות,
נעהמט אונז, חאפּט אונז!... אך, מיר אלע
זענען גרייט מיט אייך צו לויפען
אין גן-עדן און אין גיהנום...

נעהמט אונז, חאפּט, הילט-איין, פערוויקעלט
אונז אין זייד, אין סאמעט, אטלעס,
קויפט אונז לאשען אין טעאטער,
פיהרט אויף באלען, מאסקאראדען

אונזער הוט זאל זיין א גאנצע
סקירדע בלומען—, שיינען, בליטצען;
גאנצע גענז און גאנצע הענער,
זאלען דארט פון אויבען זיצען,

אונזער קלייד זאל זיין פון אלע,
אלע קליידער שענער, בעסער;
אונזער שלעפּ — פון אלע לענגער,
דער טורניור — פון אלע גרעסער, —

אונזער אנצוג, אונזער צירונג
זאלען גלענצען ווי די שטערען —
אלע אונזערע בעקאנטע
זאלען א כפרה ווערען“!...“

און זוי ווייטער, און זוי ווייטער. —
זינגט דאס ליעדעל, ליעבע ברידער! —
נייע צייטען — נייע מענשען,
נייע מענשען — נייע ליעדער,

נייע נעמען, נייע הערצער,
נייעס און נייעס פון אלע זייטען,
איינם נאר איז ביי אונז געבליעבען
פון דעם מנהג פון פארצייטען,

איינם, א קלייניגקייט: די קליידער,
ליעבע פריינד, די פיינע קליידער,
מיט דער צירונג, מיט די בלומען
זענען אפּט ... אויף בארג גענומען!...

שִׂמְחַת תּוֹרָה.

„שִׂמְחַת תּוֹרָה — האָפּעניו
מיט׳ן פּוס אַ קלאַפּעניו,
מיט׳ן צונג אַ קנאַקעלע —
און און הארץ... אַ מַכָּה׳לע..."
(אַנ׳אַלט פאָלקס־ליעדעל).

פרעהליך און פריש
זעצט זיך צום טיש,
מאַכט סעודת־מלך,
קוויקט זיך און טרינקט,
יידעלעך, זינגט
לעבעדיג, פרעהליך!

אָהן וואָג און אָהן מאָס
אַ כּוס נאָך אַ כּוס —
האָט ניט קיין מורא,
קוויקט זיך און טרינקט,
יידעלעך, זינגט
לכבוד התורה!...

◉

אך, יידישע שמחות
און יידישע ליעדער!
זאָגט, זאָגט מיר, איך בעט אייך,
ערקלערט דאָס מיר, ברידער:
פאַרוואָס ווערט פון זיי אַזוי שווער?
דאָס הארץ ווערט פאַרקלעמט,
דער קאָפּ ווערט געבויגען,
און אָפט גאָר ניט ווילענדיג,
טריעפט פון די אויגען
אַ הייסע, אַ ביטערע טרעהר?...
פיעל מאָל האָט דאָס גליק אונז
זיין פנים געוויזען,
די זון פון נצחון
געשיינט און געבליצט;

מיר זענען געוועזען
שטאַרק ווי די ריעזען —
און דאָך, ברידער, האָבען
מיר נאָך ניט ביז איצט:
קיין איינציגען יום־טוב,
וואָס זאָל ניט דערמאָהנען
אויף אונזערע אַלטע,
צעריסענע פאָהנען,
אויף אונזער צעבראָכענע שווערד,
אויף יענע גבורים,
וואָס זענען געשטאָרבען,
אויף יענע מזבחות,
וואָס ליעגען פערדאָרבען,
צושטויסען, צושפּרייט אויף דער ערד;
קיין ליעד, וואָס זאָל האָבען
צוויי פרעהליכע ווערטער,
צוויי ליכטיגע ווערטער,
וואָס זאָל זיך אין זיי
ניט הערען קיין ביטערער
בייזער געלעכטער
פון שאַנד און פון וועהטאָג
קיין ווילדעס געשריי...

* * *

גרויסער, ליעבער יום־טוב, שמחת־תורה!
הויך און ליכטיג שיינט דיין העלער שטערען.
פאַר אַזעלכען יום־טוב, חאָטש פאַר איינעם,
איז כּדי צו פאַסטען צעהן תעניתים...

ריין און ליכטיג איז דער הימעל.

ריין און ליכטיג איז דער הימעל;
פריש און פרעהליך וועהט דער ווינד...
—„זינג מיר, זינג א זומער־ליעדעל!" —
בעט דאס שוואכע, בלייכע קינד;

—„קום מיט מיר אין טהאל, אין גארטען,
פלעכט א קרענצעלע מיר אויס
פון די בלומען, וועלכע וואקסען
דארט און בליהען, שען און גרויס..."

אך, מיין קינד! דו זעהסט? — צעבראכען
הענגט מיין הארפע אויף דער וואנד;
אבגעוואהנט שוין לאנג פון שפיעלען
איז מיין שוואכע, קראנקע האנד;

אבגעוואהנט פון זיסע פריידען
איז שוין לאנג מיין קראנקעס הערץ.
זומער, ווינטער, הערבסט און פריהלינג
בלייבט אין איהם דער אלטער שמערץ.

י. ל. גאָרדאָן.

עכּוב הקריאָה.

(אַ מעשה פֿון פֿערצײַטען.)

צו ענדע איז די שמונה עשרה, די הויכע,
עס איז שוין נאָך חזרת הש״ץ;
דער חזן האָט שוין אויסגעקרעהט „אין כמוך!“
דער שטענדער האָט בעקומען דעם פּאַטש;
דער שמש האָט שוין פֿאַרקױפֿט די עליות
פֿאַר דרײַצענטהאַלבען גילדוין —
נו, טאָ וואָס וואַרט מען, וואָס מאַכט מען שהיות,
פֿאַרוואָס נעהמט מען ניט אויס שוין?

אפשר איז נאָך דער רב, רבי בירך,
שמונה עשרה ניט אויסגעגאַנגען?
אָדער איז ער אופֿן צורך
אויף דרויסען אַרויסגעגאַנגען?
נײַן, דאָרט לײַכט זײַן כשרה צורה
דורך די זילבערנע עטרה אַרויס
דער רב איז דאָ, אַלץ איז כּשורה,
טאָ פֿאַרוואָס זשע נעהמט מען ניט אויס?

בײַם אָרון קודש אויף די טרעפּלעך
שטעהט אַ אשה און טרעט ניט אָב;
די באָרוועסע פֿיסלעך, די נאַקעטע קעפּלעך —
דאָס זענען איהרע קינדער ווי באָב,
זי האַלט מיט בײדע הענד דעם פּרוכת
און פֿון אָרון קודש די טהיר
זין שרײַט און וויינט מיט אַלע כּוחות,
די קינדער שרײַען מיט איהר;

„וואס האט איהר רוצחים, גוואלד, באנדרוטען,
„אויף מיין לעבען זיך אנגעזעצט?
„פארוואס האט איהר מיין זוהן, דעם דרוטען,
„אין קאזארמע אריינגעזעצט?
„צוויי זיהן מיינע, דורך פאלשע נעמען,
„האט איהר שוין פארטיג געמאכט,
„און איצט ווידער לאזט איהר נעהמען
„דעם דריטען היינטיגע נאכט?

„פאראיאהרען ערב ראש השנה,
„האט מיר געטראפען די קויל —
„מיט פינף עופעלעך זין'אלמנה...
„ניט זינדיגען זאל מיין מויל?
„נאך זלמנ'ס טויט ניט יאנקעל לעבען
„אונז דאס שטיקעלע ברויט.
„איצט ווילט איהר איהם נאך אויך אבגעבען —
„גיט בעסער אונז דעם טויט!

אזוי שרייט ציפע, וואס האלט דעם שאמער,
ווי מען שרייט אין באד אויפ'ן פאל.
אויהר אנטקעגען פון אלטעמער
הערט זיך נאך א קול:
דארט שטעהט א ווייבעל, אבגעריסען,
בלייך און קראנק, האלב בלונד,
און אויפ'ן שולחן אין א קישען
ליגט א נפל קינד.

צוויי איהר קינדער איז צוויי וואכען
און גאנצען נאך ניט פול,
זי איז פון בעט ארויסגעקראכען,
געקומען קוים אין שוהל.
איז זי אפשר פון גרוים צדקות
פון בעט אין שול געקומען?

גיין, די חאַפּער האָבּ'ן גיטקוס
מאַן די נאַכט געגומען.

„אַ בן יחיד – טענה'ט זי – בּיי זיין פאָטער
„איז אָרטשיק דאָך מיין מאַן.
„דאָס ער איז פון רעקרוטען פּטור,
„האָט מען מיר איינגעשאַצט אין נדן;
„נאָך אונזער חתונה, דאָס ווייס די געסעל
„איז נאָך ניטאָ קיין יאָהר
„און אַ יונגער בעל הבית'ל
„איז דאָך פּטור פון נאַבאָר.

„וואָס טהו איך איצט? מיט מיר איז אַנ'עק!
„וועה צו מיינע יאָהרען!
„פערגאַנגענע נאַכט פון גרויס שרעק
„האָב איך די מילך פערלאָרען!
„זאָל איך מיין קינד דערטרינקען? פאַרסמען?
„לעבעדיג אין קבר לייגען?
„אָהן אַ טאַטען, אָהן אַ מאַמען –
„לאָז קהל דאָס קינד זייגען!

צווישען די שטענדערס ווערט געררודערט –
וואָס איז דאָרטען פאַר אַ לייט?
די הוטעל פערקעהרט די האָר צופּודערט,
די קאַפּאָטע אויף דער לינקער זייט,
איז ער מיט העזה אַריינגעלאָפען
און לויפט גלייך אויבען אָן
וואו צווישען מזרח און צווישען צפון
שטעהט די גילדערנע פּאָהן.

דאָרט שטעהט אַ יוד מיט צוויי מורינות –
ער הייסט ר' איציק, ר' בער.
ער וואָהנט מיט'ן רב אין נאָהנטע שכנות.
דער גבאי איז זיין שוועך;

ער איז אַליין אויך אַ שטיקעל לייט
און אַ שענער בעל הבית.
דאָס איז דער סבאָרשטשיק – פון לאַנגער צייט
פיהרט ער די שטאָדט ביי דער נאָז.

צו איהם לויפט דער עזות פנים
מיט גרויס אימפעט צו!
„וואָס ווילסטו? – שרייט ער – פאַר יונים
„אונז אַלעמען מאַכען דו?
„וואָס האָסטו גזלן געלאָזט מיין בענצען
„ברענגען אויפ'ן פרענט?
„מיינסטו בעלי מלאָכות זענען קיין מענטשען?
„מיט זיי טהוט איהר וואָס איהר קענט?

„פאַר מיין משפחה פאַר דריי יאָהרען
„האָב איך איין אָחאָטניק געשטעלט.
„איך בין בדוקלי דל געוואָרען,
„דאָס ווייסט די גאַנצע וועלט,
„און היינט בין זשע פאַר אַ פלעשעל משקה
„איהם משנה השם, כּלבוניק!
„און שרייבסט איהם צו צו דער סקאַזקע
„פון היימקע דעם ימח־שמוניק.

„בשעת איך האָב געדאַרפט איין ערוב –
„דענסטמאָל איז קיין גואל געוועזן;
„איצט איז ר' חיים מיינער אַ קרוב,
„מיין ברודער זאָל פאַר איהם געהן.
„זיינע פינף בענקאַרטעס זענען קראַנק צו דיענען?
„טויגען פאַר סאָלדאַטען ניט?
איך זאָג אייך, רבותי, בלוט וועט רינען,
איהר קענט ניט שמער'ל דעם שמיד!״

אַזוי יאָמערן געבויך די בוידע ווייבער,
אַזוי ליאַרמט שמערל דער שמיד;

דער רב, דער סבאָרשטשיק, דער קהל'שער שרייבער—
זיי רירט דאָס אַלץ דינג ניט.
און דעם גבאי'ס פינף בענקאַרטען
שטעהן זיך אויף זייער פּלאַץ,
זיי שטעהן זיך רוהיג און זיי אַרט עס,
אַזוי ווי די גרויע קאַץ...

זענען דאָס די זעלבינע טײַערע יידען,
וואָס איך האָב אַמאָל געזעהן,
בשעת מען האָט ביי טייטש אָנקליידען
גוזר תענית געווען?
דענסטמאָל האָט דער רב געוויינט ווי אַ ביבער,
דער סבאָרשטשיק האָט ליפּען געשטעלט,
די גבאים, שמשים, דער גאַנצער צבור
האָבען איבערגעקעהרט די וועלט –

איצט רירט זיי ניט קלאָגען און וויינען,
זיי זענען ווי פון שטיין,
זיי וואָלטען נאָר גערן מע זאָל שוין ליינען
און גיכער צום טשאָלענט געהן.
זעהט איהר דאָרט ניט ר' חיימען
מיט די שפּאַקולען אויף דער נאָז?
ער זאָגט דערווייל זיך אֲני מאַמין *)
ווי ניט איהם מיינט מען דאָס.

דער אַנדערער גבאי, ער הייסט ר' חייא.
דעם טלית איבער'ן קאָפּ,
איז זיך רוהיג מעביר קריאָה
אָהן עברי נאָר מיט טראָפּ.
ר' איציק ר' בער, דער איידעם דעם גבאי'ס,
איז געגאַנגען ברכה מאַכען;

*) ווי עס שיינט ווייסט נעביך ר' חיים דער גבאי ניט, אז שבת זאָגט מען ניט קיין אני מאמין. אנמערקונג דעם זעצערס.

זאָל ער דען הונגערן לכבוד שבת?
ער האָט פֿײַנט אַזעלכע זאַכען.

דער רב זיצט זיך ווי אַ שררה
גאַנץ רוהיג אויף זײַן אָרט,
ער בלעטערט בלומרשט די גמרא
און גלעט זיך נאָר די באָרד.
נעבען איהם שטעהט ר׳ יאָקל דער דין,
— זײַן מיחוש... לאָזט זיך איהם ניט זעצען —
ער שטעהט און לערנט זיך דען זין
פֿון תּ ז כ ר ו גוט צו קוועטשען.

און ר׳ קלמעלע, וואָס זאָגט דעם שיעור —
דער איז גאָר ניטאָ,
ער שטעהט און וואַשט די הענד ביים כיור
אַ גאַנצע האַלבע שעה;
ער זאָגט מיט כונה „אשר יצר"
און ווישט זיך אָב די האַנד,
און זוכט ווען עס איז דער יום הקצר
אין לוח אויף דער וואַנד...

דעם סוף פֿון דער מעשה ווילט איהר וויסען? —
אַנ׳אויסגעבלאָזענע איי!
אומזיסט האָבען זיך די גאַל געריסען
די אומגליקליכע אַ שעה צוויי.
דעם שמיד איז דער האַלז געוואָרען טרוקען,
ער האָט צו שרייען אויפגעהערט,
דער אלמנה האָט מען געגעבען אין רוקען
אַראָבגעוואָרפען אויף דער ערד.

די קינפּעטאָרן, און הלשות געפאַלען,
האָט מען אין פּאָליש אַרויסגעבראַכט.
אויף דאָס קינד האָט זיך געפונען אַ בעלן
דעם שולחן האָט מען טרוקען געמאַכט;

דער חזן האט געשווינד אויסגענומען
און געזונגען „שמע ישראל",
און אלע זענען צו זיך געקומען,
אויפגעלעבט גאנץ קהל.

דער בעל קריאה האט אנגעהויבען צו קרייען
און זיך שטארק צו שאקלען,
דעם רב האט מען אויפגערופען כהן,
שלישי געגעבען ר' יאקלען;
ששי האט זיך גענומען ר' חייא
– ער האט א פעטען בויגדיל האלט –
און יעדער האט בעקומען די עליה,
פאר וועלכע ער האט ניט בעצאהלט.

און ר' איציק ר' בער האט געלויינט מפטיר,
מיט מתיקות, אויפ'ן קול,
און האט געגעבען האלין א קלאפטער
א נדבה אופ'ן שפיטאל.
און יאנקלען און בענצען און ניטקים ארטשיק
האט מען צום פריאם געשטעלט,
און ר' איציק ר' בער איז געבליבען סבארשטשיק,
און וועלט איז געבליבען וועלט...

וואס איז ביי דער אסיפה געבליבען?

„זעהט זאגט מיר, איך בעט אייך, מיין ליבער ר' בבך,
„איהר ווייסט דאך, איך בין א ישובניק אנ'אורח,
„מ'ע האט אונז געזאגט, אייער גבאי ר' יוסי
„האט די וואך געמאכט אנ'אספה א גרויסע.

„געווים האט מען דארטען, איך קאן זיך מיר דענקען,
„געשמועסט מכח ישובים און שענקען,

„מכח די איצטיגע צרות, פאגראמעם —
„כא זאגט זשע, וואס הערט זיך פאר יידען נחמות?"

— נחמות פאר יידען? איך בעט אייך מחילה!
געוועזען איז געוועזען אנ'אסיפה אפילו,
וואס אבער זיי האבען זיך דארטען געריסען,
אט זאל איך אזוי פון קיין צרות ניט וויסען.

ווי איך האב פון דער כנופיא צו הערען בעקומען,
האב איך מיין באקענע היטעל גענומען,
בין ווי א פערשמטער צו קהל געלאפען,
האב אבער דעם אנהייב שוין ניט אנגעטראפען.

אז איך בין געקומען, האט יענקעל מיט אידלען
געהאלטען ביי'ם קריגען זיך שוין און ביי'ם זידלען,
ביי זיי איז אנ'אלטע מחלוקת א גרויסע,
אלץ איבער דעם פסוק פ ן אתה הראית.

און הלל מיט שמאי'ן האבען אויך זיך מיט דבקות
געאמפערט, געפיהרט זייער אלטע מחלוקת,
אויך ניט וועגען דעם וואס טהוט אונז איצט וועה,
נאר אלץ וועגען דאס אויסגעבלאזענע איי.

ר' קאפיל דער פרוש, וואס קוקט ניט אויף ווייבער,
דער האט זיך געפארסקעט מיט יודעל דעם שרייבער:
„דו מופקר, א פנים ווילסט אויך זאגען דעות —
„א ייד, וואס עס געהט אהן בארד און אהן פאות?!"

„ווארט, ווארט, — שרייט דער שרייבער" — איך זאג אייך
פארמאלנע,
איך שרייב באלד א פראזבע צו'ם סאמע קווארטאלניע,
דערצעהל איהם די מעשה מיט דער מעהל־קאראבקע,
שוין קרענק וועט איהר האבען, ניט געלד מעהר
צ קאפ'קע!

דער שנײַדערשער מגיד, פון יאַטקעווער געסעל,
האָט מוסר געדרשנט אַ יונג בעל הבית׳ל,
די שווארצע מאָהן האָט ער אויף איהם אויסגעשאָטען,
און דער האָט געציטערט געשטומט ווי אַ שאָטען.

דורך דיר נאַר, יונגאַטש דו, דורך דיר אפיקורוס,
אָט לײַדען מיר אַלע די צרות די גזרות!
מײַנסט אפשר, טרפניאַק, אַז מיר האָבען פאַרגעסען,
אַז דו האָסט אום פסח — בעבלעך געגעסען?!...

נו, — האָב איך געטראַכט זיך, — אָט ווײַס מען שוין קלאָרעס,
פון וואַנען עס קומען אַלע אונזערע צרות,
און איך האָב אויך אָקאָרסט געוואָלט זײַ דערצעהלען
אַ פאָר שענע מעשות פון מײַן שכנתה — קײַלען;

מיט אַמאָל דערזעה איך, ווי בענצע דער פאַרבער,
וואָס האָט זיך געהרגעט מיט לײַזער דעם גאַרבער,
איז איבער דעם שלחן אַריבערגעשפרונגען,
דערלאַנגט איהם אַ פראַסק, אַז די וועלט האָט געקלונגען.

און לײַזער דער טהוט גלײַך אַ שפײַ אין קולאַק,
וויל בענצען צוריק שוין דערלאַנגען אין באַק;
האָט אָבער געטראָפען גאַר מיר אין דעם קאָפּ,
אַזוי אַז מײַן היטעל איז געפלויגען אַראָפּ.

ווי איך האָב דערזעהן, אַז עס האַלט שוין בײַ׳ם שלאָגען,
האָב איך זיך בשתיקה געשווינד אָבגעטראָגען,
אַזוי ווי די טהיר איז געשטאַנען האַלב אָפען,
בין איך אָהן אַ היטעל אַהיים זיך אנטלאָפען. —

„וואָס איז אָבער דאָרטען בײַ קהל געבליבען?
„צי האָט מען וואָס אָבגערעדט, וואָס אָבגעשריבען?

„צי האט מען געפונען אנ׳עצה, א מיטעל?״
— ביי קהל?! איהר הערט דאך, איז געבליבען מיין היטעל! — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

שווערע צייטען.

גיטא שוין מעהר די שענע צייט,
וואס אין ליבאוויטשער געגענד
האט עס מיט חסידים פון נאהנט און וויים
און מיט פדיונות גערעגענט;
אז אונזער רבי, דער אמת׳ר ייד,
האט געוויזען גבורת הבורא,
אלול איז געווען ז׳ער גרעסטער יריד,
שירים — די בעסטע סחורה.

ווער עס האט אמאל נאר זוכה געווען
ביי׳ם רבין שלש סעודות צו עסען,
וואס ער האט דארטען געהערט און געזעהן —
צי קען ער עס צייט לעבען פערגעסען?
אז ער האט געעפענט זיין היילינען מויל,
און תורה האט זיך געשאטען,
אדער ער האט זיך (עס חאפט מיר א גרויל!)
ראנגלען געחאפט מיט׳ן שטן!

ווער געדענקט ניט דעם גרויסען קרעכץ
ביי׳ם רבי׳נס שיר המעלות,
א פראסק נאך לינקס, א פראסק נאך רעכטס,
מחמת גרויס התפעלות:

אַ גלאָץ מיט די אויגען, אַ קוק אַרויף
אין גן עדן צו דעם אַלטען —
וועלכע נשמה און וועלכער גוף
האָט דאָס געקענט אויסהאַלטען?

דאָס איז געווען אַ שענע צייַט,
ממש מלכות בית דוד,
יידען זענען געוועזען לייַט,
פרנסה געהאַט בכבוד;
נאָר אָהן חכמות, אָהן המצאות,
פאַרלעבט פיעל בעסער די יאָהרען,
מע האָט נאָר געדאַרפט האָבען אויף הוצאות,
צו'ם רבי'ן אַריבערצופאָהרען.

ווער עס האָט למשל קיין קינדער געהאַט,
האָט זיין ווייַב צו'ם רבי'ן געשיקט,
און אין נייַן חדשים, אַקוראַט,
האָט זי איהם מיט אַ קדיש בעגליקט;
איז געווען אַ חולה אין דער משפחה,
איז דער רבי געווען דער דאָקטער,
בייַ יעדעם עסק למזל ברכה,
געפרעגט דעם רבי'ן וואָס זאָגט ער:

פון יעדער גזרה, אין יעדער נויט,
איז בייַ'ם רבי'ן געווען אַ מיטעל;
אפילו פון גיהנם און פון טויט
האָט געהאָלפען דעם רבי'ס קוויטעל;
דעריבער זענען מיר פון צרות
ניט געווען אַזוי פערביטערט,
ווייַל דענצמאָל האָבען אַלע שררות
פאַר'ן רבי'ס דוך געציטערט.

אַזוי האָבען יידען פאַרבראַכט די יאָהרען
אונטער זייערע פייגענבוימער,
דאָס עס וואָלט אַלץ בעסער און בעסער געוואָרען
איז געדרונגען פון אַ קל וחומר:
מה דאַך אַז דער רבי איז געווען איינער,
האָבען שיבים געקאָסט אַ פּייעס,
ווי וואָלטען מיר שוין געגריזעט ביינער,
אַז אַלע איינקליך ווערען רבאים?!

איצט איז אָבער אויפגעוואַקסען
אַ דור פון אפּיקורסים,
אַלץ מיט חכמות, אַלץ מיט פאַקסען —
ווילען זיין גאָט'ס יורשים;
מאַכען פון חסידות חוזק, טורעס,
גיעבען קיין גראָשען פדיון;
קיין יידיש האַרץ, קיין יידישע צורות —
וואָס זענען דאָס פאַר יידען?

איצט — אַך און וועה צו אונזערע יאָהרען!
מוזען געביך די רבאים
אַליין כּמעט שטאָדט צו שטאָדט אומפאָהרען
עה זיי דערזעהן אַ פּייעס;
און אין יעדער קהלה, וואָס זיי בעזוכען
אין יעדער קרעטשמע בעזונדער,
מוזען אַליין זיי די ווייבלעך זוכען,
וואָס ווילען האָבען קינדער.

„בילונג", „בילונג" דאַרפען זיי,
אין שקאָלעס מוז מען לויפען:
פאַר אַ שטיקעל זוהר, אַז אַך און וועה,
מעגט איהר זיי פאַרקויפען.
אפּיקורסים, שקצים און טרפניאַקעס,
ווערען זאָלט איהר כפרות!

דורך אײַך נאָר האָבען מיר די מכות,
דורך אײַך די גרויסע צרות.

וואָס דאַרפען מיר אײַערע אײַזענבאַהנען!
אַז מיר האָבען קפיצת הדרך,
און קענען קומען צו'ם רבי'ן פון דאַנען,
צײַט אין אַ חודש בערך...
וואָס דאַרפען מיר אײַערע שוואַרצע קונץ,
טעלעפאָנען, טעלעגראַמען!
גלוי אליהו איז דאָ בײַ אונז —
אַ רוח אין אײַער מאַמען!

דאָך עצבות מאַכט נאָר מרה שחורה
חדוה — רוח הקדש;
דרום ליעבע ברידער האָט קײן מורא,
לעבט ווי אונזערע זײדעס.
יידען זענען נאָך ניט גוסס —
האָבען געלעבט און וועלען לעבען;
קומט אַהער, גיסט אָן די כוסות —
לחיים, לחיים דעם רבי'ן!

מיכל גאָרדאָן.

מײַן צוָאָה.

איך מוז פֿון דער װעלט באַלד זיך שײדען,
איך גײה אין מײַנעם עביג רוה,
מיט דיר, מײַן קינד, װיל איך װאָס רעדען,
טאָ קום אַהער און הער זיך צו.

געלערענט האָב איך דיר גאַנץ גענוג
פֿיעל גוטע לעהרע, פֿײַנע זיטען,
דײַן הארץ איז גוט, דײַן קאָפּ איז קלוג,
מײַן לעהרע װעסטו בודאי היטען.

עס איז נאָך װאָס בײַ מיר געבליבען
צו זאָגען דיר אין דער לעצטער שעה,
איך האָב עס דיר דאָ אױפֿגעשריבען —
טאָ זעה זשע, װאָס איך שרײַב דיר דאָ:

אַ ייד בּיזטו, מײַן קינד, געבאָהרען,
טאָ בלײַב אַ ייד, נאָר גוט און פֿײַן,
דער נאָמען ייד פֿון טױזענד יאָהרען
זאָל דיר קײנמאָל קײן חרפּה זײַן.

חאָטש דו װעסט זײַן אין גרעסטען שטאַנד,
זאָל דיך דײַן נאָמען ייד ניט אַרען,
פֿיעל מענשען מאַכען איהם צו שאַנד,
גלױב מיר, זײ זענען װילדע נאַרען.

דער נאָמען „ייד" איז אונזער עהרע,
דער נאָמען קאָסט אונז זעהר טייער,
עס קאָסט אונז צרות, גזרות שווערע,
איבער איהם האָבען מיר געברענט אין פייער.

די גאַנצע וועלט איז גאָטעס הויז,
צום פרייען לעבען איז זי בעשטעלט;
די אַלע מענשען קליין און גרויס,
אַיין פּראַווע האָבען זיי אין דער וועלט.

א גיב אָב כבוד דעם אָרעמאַן,
אַזוי ווי ער וואָלט זיין גאַנץ רייך,
פאַל ניט אַראָב פאַר דעם רייכען מאַן,
וואָרום אַלע מענשען זענען גלייך.

אויך דעם וואָס טהוט דיר דיין מלאָכה,
ער טראָגט דיר וואַסער, ער האַקט דיין האָלץ,
גיב אָב זיין שלום און זיין ברכה,
פעראַכט איהם ניט, דו זיי ניט שטאָלץ,

דעם נאַר זאָלסטו ניט פעראַכטען,
האָב רחמנות אויף דעם ווילדען,
ברידער זאָלסטו זיי בעטראַכטען:
מען דאַרף זיי לערנען, מען דאַרף זיי בילדען.

טהון טובות מענשען וועדליג דיין פערמעגען,
מיט'ן גאַנצען האַרצען זאָלסטו בעגעהרען,
אָרסט דערביי גאָר קיינמאָל פרעגען:
צו וועלכער אמונה זיי געהערען.

אַפּילו דעם אָרעמען ציגײַנער
מוזטו העלפֿען אין זײַן נויט,
ער איז אַ מענש, אַ ברודער דײַנער,
גיב איהם וואַסער, גיב איהם ברויט!

כ'האָב דיר געזאָגט, און זאָג דיר ווידער,
זײַ אַ ייִד, נאָר ווייס, פֿערשטעה,
אַז אַלע מענשען זענען ברידער,
איין גאָט, איין פֿאָטער האָבען זײַ.

בעטראַכט, מײַן קינד, און גוט בעדענק,
אַלצדינג, וואָס איך זאָג דיר אין ליִד.
איין כּלל האָסטו דאָ, נאָר געדענק:
זײַ אַמענש, זײַ אַ ייִד!

ח. נ. ביאַליק.

דאָס לעצטע וואָרט.

(נביאיש)

איך בין צו אײַך פֿון גאָט געשיקט:
ער האָט געזעהן איהר ווערט דער־שטיקט;
ער האָט געזעהן איהר פֿוילט און פֿאַלט,
איהר ווערט פֿון טאָג צו טאָג מעהר אַלט;
און אָבגעלאָזט האָט זיך די האַנד,
און אויסגעלאָזט האָט זיך די מינוט —
און גאָט האָט זיך אָן אײַך דערמאַהנט,
און ער האָט מיר צו אײַך געבראַכט.

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„צו שווער דער יאָך — איך קאָן ניט מעהר!...
גײה, רײַס פֿון זײערע האַרץ אײן „אוי!"
שײד אויס פֿון זײער אויג, אַ טרעהר!
און שווער זאָל זײַן די טרעהר און ביטער
און הויך זאָל זײַן דער לעצטער קרעכץ,
אַזוי — די ערד זאָל טהון אַ ציטער,
און אָבטרײסלען פֿון זיך דאָס שלעכטס".

איך האָב געפֿאָלגט און בין געגאַנגען,
מײַן וועג איז פֿול געווען מיט שטײנער;
נאָר אײן געפֿיהל און אײן פֿער־לאַנגען
האָט טיעף געגליהט אין מײַנע בײנער;
איך האָב געפֿיהלט איהר זענט בײַ שלאַנגען...
און מיט אײַך, בײַ אײַך — קײנער, קײנער...
מיך האָט געטריבען אײַער וועהטיג,
איך האָב געמײנט מײַן הילף איז נויטיג.
איך בין געשטראָפֿט פֿון גאָט מיט האַרץ!
איך האָב אַ האַרץ, וואָס קרענקט פֿאַר יענעם,
וואָס קאָרטשעט זיך פֿון פֿרעמדען שמאַרץ
און ווערט פֿערברענט פֿון יענעמס גיהנם...
איך האָב געהערט, עס איז אײַך שווער,
האָב איך געמײנט, איהר פֿיהלט און ווײסט,
און וואַרגט זיך שטיל מיט אײַער טרעהר
און זוכט אַ הילף און בעט אַ טרײסט,
און טײַער זײַען די מינוטען...

„איך גערה, איך קום — כ'וועל
הײלען וואונדען,
מיט אײך אינאײנעם וועל איך בלוטען,
און וואו מען דארף, וועל איך
פערבינדען
און וואו מען מוז, וועל איך אָבלעקען
דאָס בלוט, וואָס טריפט פון אײער
וואונד.
כ'וועל טרײסטען, בעטען, װײנען,
וועקען —
און וועל ניט לאָזען גערן צו גרונד!
איך גערה, איך קום — איך טראָג א
טרײסט.
איך טראָג א בשורה פון נחמה;
איך בין געבענשט פון גאָט מיט גײסט—
אײך וועל איך שענקען מײן נשמה...
איך בין פון גאָט מיט מוט בע־
שמידט,
וואָס רײסט־אויס בערג און ווערט
ניט מיעד,
און גאָט האָט מיר געשענקט א צונג.
א שארפע, װי א שארפען קלונג, —
אויב איהר זענט שטײן — איז זי
אַן אײזען,
אויב איהר זענט אײזען — איז זי
שטאָהל...
איך קום, איך וועל זיך נאָר בעווײזען—
און איהר וועט אויפשטעהן מיט
אמאָל!"...
איצט שטעה איך אונטער אײער טהיר—
און אָבגענומען איז מײן לשון;
עס הענגט א שווערע נאַכט אויף מיר—
מײן פונק, מײן ליכט איז אויסגעלאָשען.
מיך האָט בעגעגענט שפאָט און שאַנד,
איהר האָט פאַר מיר די טהיר פער־
מאַכט —
און אָבגעשטויסען איז גאָט'ס האַנד,
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט...

בין איך צו אײך אין שמוץ געקראָכען
און אלע קלײדער אײנגעריכט,
כ'האָב מיט די הענד פאַר אײך גע־
בראָכען
און הילף בײ אײך פאַר אײך גע־
װאַכט...
נאָר קײנער קומט צו הילף ניט, קײנער,
און איך בין אײנער, אײנער, אײנער...
מײן תפלה האָט געהערט די וואַנד,
איהר האָט פאַר מיר די טהיר פער־
מאַכט;
און אָבגעשטויסען איז גאָטס האַנד!
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט!...

נאָר װײסט, איהר אונגליקליכע,
װײסט —
איך האָב ניט מעהר פאַר אײך קײן
טרײסט...
איך האָב א וואָרט, א שרעקליך וואָרט,
וואָס וועט אײך הויבען פון דעם אָרט;
וואָס וועט דאָס ליכט אײך מאַכען
שוואַרץ
און וועט פער'סמ'ען אײך דאָס הארץ,
אין מויל פערגיפטען אײך דעם ביסען
און ביטער מאַכען אײך דאָס ברויט,

דאָס לעבען וועט דאָס אייך פער־מיאוס'ען
און וועט ניט געבען אייך דעם מוידט...
ניטאָ פאַר אייך קיין וואָרט נחמה!
איך האָב פערבערענט שוין מיין נשמה,
איך האָב מיין בוגד מיט אייך צוריסען,
צובראָכען ליגט אין דר'ערד מיין 'מוטה —
איך וועל אויף אייך מיין גאַל אויס־גיסען
און וועל בעשפּייען אייך מיט בלוט...

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
דאָס לעצטע מאָל שריי אויס איין „אוי"!
און גיב אַ קרעכץ צום לעצטען מאָל,
אַז ציטערען זאָל באַרג און טהאָל;
און נעהם זיך אָן מיט גאַל און זאָג:
הערט טויבע, הערט!
עס געהט אַ טאָג,
איך לאָז אַרויס אַ זון פון רעכט
און וועל די וועלט מיט ליכט בעגיסען —
נאָר איהר אַליין וועט בלייבען קנעכט
און וועט קיין טראָפּען ליכט געניסען...
און בלינדערהייד, מיט זיהן און טעכטער,
וועט איהר אַרומלויפען פער'סמ'ט
אהין, אהער, פאַר טויזענד מייל,
און בעטען, חלש'ען אַ שטראַהל...
נאָר אייך בעגעגענט אַ געלעכטער,
וואוהין איהר קומט, האָט איהר פערזאַמט...

איך שליס־אויף אוצרות לעבען, מאַכט,
און ימים פרייד וועל איך צוגעבען —
נאָר איהר אַליין וועט זיין פערשמאַכט
און אייער קוואַל וועל איך בעטריבען;
און טרוקענע מיט זיהן און טעכטער,
וועט איהר אין פרעמדע טהירען קלאַפּען,
מיט'ן פּנים צו דער ערד צופאַלען
און איבער פרעמדע קוואַלען קניהען,
און דאָרשטיג אייער האַלז אויסציהען,
און בעטען חלש'ען — אַ טראָפּען...
נאָר אייך בעגעגענט אַ געלעכטער,
פאַר אייך פערשלאָסען אַלע קוואַלען.
איך שיק אַראָב אַ מילדען גייסט
וואָס פרישט ווי טהוי פון גאָט און ווייזט
אַ נייעם וועג צו נייע הימלען —
נאָר איהר וועט טרוקען זיין ווי שטרוי,
און ניט אויף אייך וועט פאַלען טהוי.
איהר? — איהר וועט עביג פוילען, שימלען.
און אויב ס'איז נאָך פון פריהער געבליבען
אַ פונק פון גייסט, געפיהל און גלויבען,
אַן'ערנסטער זיפץ, אַ הייסע טרעהר —
וועל איך דאָס איינציגווייז אָברויבען.
און אייער האַרץ וועט בלייבען לער
אָהן טעם, אָהן ריח, אָהן לייב און לעבען.

און ווייסט וועט ווערען אייער צעלט,
און אומשלעפען וועט איהר זיך מיעדע,

ווילד-פרעמדע אויף א פרעמדער
וועלט
און בעטלער אויף א רייכער סעודה,
און שטעהענדיג ביי פרעמדע שוועל-
לען,
ווערט איהר די וואונדען זיך אויפ-
דעקען
און וועט פאר פרעמדע זיי אויסשטעלען,
א ציטעריגע האנד אויסשטרעקען
און בעטען הילף אויף בעטלער-לשון—
נאר אויסבעטלען וועט איהר
פאר געלד,
און לעבען וועט איהר פאר א גראשען...

און שווער וועט אייך דאס לעבען
ווערען —
א לאנגע נאכט און ניט איין שטערען...
און אייער קרעכץ פערטראגט דער ווינד
און אייער קול וויל גאט ניט הערען...
און שרעקליך גרויס וועט זיין די נויט,
ווי גרויס און שרעקליך איז די זינד;
און איהר וועט חלש'ען דעם טוידט
און בענקען וועט איהר נאכ'ן לעבען...
נאר גאט וועט אייך ניט ביידע געבען...
און שרעקליך וועה וועט זיין דער
שמארץ ...
אפילו אייער אייגען הארץ
וועט אייער אייגען מויל ניט גלויבען...
איהר וועט זיך פרייווען הויבען,
הויבען —
אנ'אטהעם טהון—און וועט ניט קאנען.
דאס איז א קבר, נאר בעגראבען
ווענט איהר דארט לעבעדיגערהייד...
דאס איז א פייערדיגער גיהנם
וואס וועט קיין ענדע קיינמאל האבען—
נאר ס'איז א גיהנם אהן טוידט...
און גאט זאגט מיר:
איצט געה אראב
צום טעפערס הויז און קויף א טאפ,
און טהו א ווארף און זאג דערביי
שטארק הויך, אז יעדערער זאל הערען:
אזוי וועט איהר צובראכען ווערען!
און רעד ניט מעהר, ניט וויין, ניט שריי,
בויג-אן דעם קאפ און ווער פערשטומט—
עס געהט דער טאג, ער קומט, ער
קומט...

פון ר' יהודה הלוי'ס ים לידער.

I.

כ'האב פערגעסען אלע ליבסטע,
כ'האב פערלאזט מיין אייגען הויז;
כ'האב דעם ים זיך אבגעגעבען;
טראג מיך, ים, צום מוטערס שוים!...

און דו, מערב=ווינד געטריישר,
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג,
וואס מיין הארץ מיט אדלער=פליגעל
זוכט שוין לאנג צו איהם א וועג.

ברענג מיך נאר אהין בשלום, —
נאכדעם מלוה זיך דיר צוריק,
גריסען זאלסטו אלע ליעבסטע
און דערצעהל זיי פון מיין גליק...

II.

אנגע'ברוגז'ט האט דער ים זיך
און געקנייטשט זיך און געקרימט —
פלוצים האט ער זיך צובייזערט
און ער וויעגט זיך שוין און ברומט.

און אט לויפען שוין אקעגען
ווילד און בעז מיט ווייסען שוים,
חוואליעס=לייבען, חוואליעס=
שלאנגען,
אויסגעוואקסען פון דעם תהום.

אט האט זיך א טהאל געעפענט,
אט שטעהט אויף א הויכער בארג—
פלאטער, זעגעל! בויג זיך,
מאסטבוים!—
דו, מיין הארץ, בלייבסט פעסט
און שטארק.

האסט א גרויסען גאט אין הימעל,
ימים שפאלט ער מיט זיין האנד;
אויף זיין פליגעל מיט זיין שטורעם
טראגט ער דיך צום ליעבען לאנד...

III.

מיט דער לבנה=שיין פערזילבערט
וויים ריגצעלט זיך דער וואסער=שפיגעל;
פערשפרייט האט זיך אויף אונז די נאכט
מיט איהר בלוי=סאמעטענעם פליגעל.

ס'איז ניט קיין נאכט—ס'איז א מלכת=שבא!
געהילט אין בלוי'ס, מיט גאלד בעפליטערט,
שטיל אטהעמט זי, און אויף איהר ברוסט
שעמירירט דאס גאלד, שעמירירט און ציטערט...

זיי שאף צושפרייט, די קליינע חוואליעס
שטיל וויעגען זיך און לייכטען דרימעל.
סע צוטערען אין ים די שטערען —
ווער איז דא ים און ווער איז הימעל?...

צוויי ים'ען שלאפען דא צוזאמען,
צונויפגעלעגט ווי גלייכע ברידער;
איין דריטער ים איז מיטען שלאפט ניט:
מיין הארץ מיט זיינע נייע לידער:

אונטער די גרינענקע ביימעלעך.

אונטער די גרינענקע ביימעלעך
שפילען זיך משה'לעך, שלמה'לעך;
ציצית, קאפאטקעלעך, פאה'לעך —
יידעלעך פריש פון די אייעלעך,
גוים'לעך — שטרוי, רויך און פערערלעך
נעהם און צעבלאז זיי אויף גרידערלעך,
חאפען זיי אויף גרינגע ווינטעלעך
און עס צעטראגען זיי פויגעלעך...

נאר איין זאך פערמאגען זיי — אייגעלעך,
די אויגען פערמאגען צוויי פינטעלעך,
וואס גליהען און פינקלען און טוקען זיך,
און עפעס ווי נביא'ש און וואונדערליך
פערטראכטען זיך טיעף און פערקוקען זיך
אויף נעכטיגע טעג און אויף פייגעלעך...
אוי, מיר זאל זיין, יידישע קינדערלעך
פאר אייער כשר'ע אויגעלעך!...

א. ש. שוואַרץ.

זומער בײַ נאַכט.

און עס גיסט אַראָב די לבנה
אויף די ערד איהר בלאַסען שײַן,
און געהילט אין זילבער=מאַנטעל,
די נאַטור — זי שלאָפֿט שוין אײַן;

און אַ גרויסע, זיסע שטילקײַט
אויסגעגאָסען איז אַרום,
אויף די פֿעלדער, אויף די טהאָלען,
אויף די וועלדער, גראָז און בלום;

און זיי שטעהען ווי פֿער'כשופֿ'ט,
ווי פֿער'חלומט און פֿער־טראַכט,
אָהן דעם קלענסטען שפּור פֿון לעבען,
אָהן די קלענסטע לעבענס=מאַכט;

נאָר אין הימעל דאָרטען אויבען
שלאָפֿט זיך איצט ניט און עס לעבט,
און מיליאָנען שטערען גלאַנצען,
און די גרויסע לבנה שוועבט:

גרויסע וועלטען, שענע וועלטען,
שטערען=וועלטען אָהן אַ ברעג,
קאָנען דאָרטען ניט אײַנרוהען,
פֿליהען זייער עביג וועג;

ווי די לבנה, ווי די שטערען
שלאָפֿט ניט אײַן דאָס האַרץ אין מיר:
ווייס פֿון רוה ניט און פֿון שטילקײַט,
און אַ פֿײַער ברענט אין איהר...

ל. יפה.

מיר ציהען, מיר בלאָנזשען.

מיר ציהען, מיר בלאָנזשען אין פינסטער
נאָך ליכט און נאָך שטראַהלען
פערשמאַכט...
רבונו של עולם, בעלייכט אונז
די שווערע, די פינסטערע נאַכט!

עס דריקען די בלייערנע וואָלקענס,
די פינסטערניס שווער און געדיכט...
צינד אָן אין פערצווייפעלטען הערצען
אַ שטרעבען צום עווינען ליכט!

אַ בענקען נאָך שענקייט און פרייהייט
אין אונזער נשמה ערוועק!...
אוי, עפען אונז אויף דיינע הימלען,
אוי, ווייז צו דער זון אונז דעם
וועג!...

מיין הארץ איז אין מזרח...

(נאָך יהודה הלוי).

מיין הארץ איז אין מזרח, און איך בין אין מערב,
ווי קאָן איך אַ גליקליכער זיין,
ווי קאָן איך פערגעסען מיין שרעקליכעס אונגליק
און לעבען פול נחת און שיין...

אין ווייטע און גלענצענדע שענע מדינות
בין איך, ווי אָהן װאָרצלען אַ בוים,
מיר חלומט זיך ציון, מיין אָרימעס ציון,
עס ציהט מיך אָהן אויפהער אַהיים...

עס גיעסען זיך ליעדער פון גליק און פון לעבען,
איך הער נאָר אַ ביטער געוויין,
עס יאָמערט מיין ברודער, ווי קאָן איך זיין רוהיג
און לעבען פאַר זיך נאָר אַליין:...

משה טייטש.

מיט יעדער פערשטארבענע האפנונג.

מיט יעדער פערשטארבענער האפנונג
לעשט אויס זיך אין הארצען א שטערען,
ס'ווערט גרעסער אין מוח דער דלות,
אין ד'אויגען בלייבט וועניגער טרעהרען.

מיט יעדער פערשטארבענער האפנונג
פאלט אב א שטיק גאלד פונ'ם לעבען,
עס קומט די פערצווייפלונג אין שווארצען
און זעצט זיך תכריכים שטיל וועבען.

מיט יעדער פערשטארבענער האפנונג
פערבלייבט מען אלץ מעהרער אנטשווינען:
עס ווילט זיך ניט זאגען דעם אמת,
און ס'ווילט זיך ניט זאגען קיין ליגען...

פלטיאל זאמאשטשין.

ניט איך, ניט איך!

ניט איך, ניט איך, שאַף די לידער,
ניט איך, ניט איך, זינג זיי אויס,
נאָר מיין פאָלק, נאָר מיינע ברידער
דרינגען פון מיר דאָס ליעד אַרויס!

פעסט צו זיי בין איך געבונדען,
מיט לייב און זעעלע, מיט געפיהלען,
זייערע צרות, זייערע וואונדען,
מוז איך זינגען, מוז איך שפּיעלען!

זייערע זיפצען. זייערע אָכען,
זייערע קרעכצען אויף יעדען שריט,
זיי צושמעלצען, זיי צוקאָכען,
זיי פערגיפטען מיר דאָס בלוט!

און מיט טרעהרען אויף די סטרונעס,
אויף דער האַרפע פון מיין הערץ,
נאָך די נאָטען פון די קינות
רוישט און גיסט אַ קוואַל פון שמערץ.

י. א. לייזעראָוויץ.

פאַרוואָס זשע בענק איך.

די זון האָט נישט מיין האַרץ דערפרעהט,
ווען זי דאָס מאָרגענס האָט ערשיינט;
פאַרוואָס האָט מיר אַזוי געקרענקט,
בשעת זי איז פערגאַנגען היינט?...

איך האָב קיין בלומען נישט געזוכט,
בשעת זיי האָבען נאָך געבליהט;
פאַרוואָס זשע בענק איך נאָך זיי איצט,
בשעת זיי וואַקסען שוין מעהר נישט?...

דו האָסט מיין ליעבע נישט דערוועקט,
בשעת דו האָסט בעשוואוירען מיר;
פאַרוואָס נאָגט מיך מיין האַרץ אַזוי,
צייט איך האָב שוין פערלאָרען דיר?...

העֶרבסט מאָטיוו.

נאָך העֶנגען די בלעטער, פערדאַרטע, פערשמאַלטע,
דאָרט הויך אויף דעם צווייג פון דעם בוים--
עס שאָקעלט דער ווינד זיי, זיי דרעמלען און זעהען
דעם מלאך המות אין טרוים.

נישט האבען זיי אלע דעם זומער גענאסען,
נישט אלע דער טוי האט געקוויקט;
פיעל בלעטער, פיעל יונגע און פרישע אין שפראצען,
דער הערבסט האט דער בייזער דערשטיקט!...

אט הענגען זיי טוידטע, פערגעלטע אין פענסטער
אוןווארפען זייער שאטען גאנץ ברייט –
און לעג איך מיך שלאפען אין אווענד אין צימער,
דאן זינגען זיי ס'ליד מיר פון טוידט...

די ווינטער־קעניגין שפאצירט.

אויפ'ן בלאהען, קלארען הימעל
מיליאנען שטערען האלטען וואכט,
די לבנה מיט איהר פאקעל
אליין בעלייכט די ווינטער־נאכט.

א זילבער־שנע בעדעקט די ערד
העל מיט דימאנטען דורכגעציערט
הארך!... ס'שוועבען מעכטיגע טריט –
ש־ש־ש... די ווינטער קעניגין שפאצירט!..

א. קאַצענעלענבויגען.

אויגעלעך האַרציגע.

אויגעלעך האַרציגע,
קרייזעלעך שוואַרציִנקע
הענגען ווי גלעקעלעך,
רויטינקע בעקעלעך,
גריבעלעך־חנ׳דעלעך,
פּערעלנע צייהנדעלעך,
נאָר... צו אַ מאַנעלע
דאַרף מען נדנ׳עלע...

לידער צום זינגען.

ה. ד. נאָמבערג.

אַ ווינטער ליעד.

ס'לויפען, ס'יאָגען שוואַרצע וואָלקען,
ס'פּייפט און ברומט דער ווינד, —
פון דערווייטען שיקט דיין טאַטע
דיר אַ גרוס, מיין קינד!

נאָר דער ווינד, ער ברענגט אונז גרוסען
פון דעם קאַלטען לאַנד:
דאָרטען שטעהט ער; אַ לאָפּאַטע
האַלט ער אין דער האַנד,

און ער גראָבט אַלץ טיעפער, טיעפער,
וואַרפט די ערד אַרויס,
זאָרג נישט, קינד מיינס, פאַר'ן שקר
גראָבט ער קברים אויס.

ניט דער ערשטער, ניט דער לעצטער
פאַלט ער אויפ'ן פעלד!
זאָרג ניט קינד מיינס, דיך געבאָרען
האָט אַ גרויסער העלד.

און אַ העלד וועסטו אויסוואַקסען,
שלאָף זשע, שלאָף אַצינד:
זאַמעל כּחות פאַר דער צוקונפט,
זאַמעל איינציג קינד!

א. גאָלדפאַדען.

שבת יום־טוב און ראש חודש.

שבת, יום טוב, און ראש חודש,
דאַווענען איך מיר אַליין פאַר זיך;
איך האָב מיר אַליין מיין אָרון קודש,
עס בעט ניט קיינער אין איהם — נאָר איך, —

מיין שווער האַרץ איז דאָרט דער עמוד,
עס זעהט איהם קיינער ניט אַרויס,
די ליעבע איז דאָרט'ן, מיין נר תמיד...
עס ברענט! — און לעשט קיינמאָל ניט אויס!

דער חזן בין איך - אַלץ איך אַליין,
די צרות — העלפען מיר ווי זינגער'ס מיט
טרוירינגם, זינגען מיר אויס גאַנץ שען,
פריילינגם? — עפּעס געהט ביי אונז ניט!...

די האָפנונג הערט מען דאָרט פערזאָגען!
מען הערט זי אַרויס, אויך ווען זי שווייגט!...
גאָלד הערט מען זי דאָרט וויינען, קלאָגען,
און די טרעהרען קלאַפּען צו, צום טאַקט! —

פלאַקער פייער...

(חאָר־ליעד).

חאָר.

פלאַקער, פייעריל, פלאַקער!
קנאַק אונז פרעהליך צו,
לייכט אונז צו ביז אין דערפריה;
דער בויער רוהט ביים אקער,
דער פאַסטוך — ביי זיינע פיה,
יעדער איז ליעב זיין מיה. —

סאָלאָ.

רעגט זשע צו האַרץ!—
מיר מעגען זיין שטאַרק,
פרעהליך טאַנצען אין קאַהן;
ווייל פאַסטוכער אַליין,
זענען דאָך געוועזען
אונזערע אָבות פון אייביג אָן!—
קאָהר. פלאַקער, פייעריל א. ז. וו.

סאָלאָ.

דאָס פעלד איז אונז ליעב,
די לופט אין דער שטוב
חלעבען איז אומגעזונד;
דאָס דערצעהלט אייך אַלדינג,
אייער אייגענע לינג,
אַז זי בעקומט נעביך
די קראַנקע וואונד!...
חאָר. פלאַקער, פייעריל א. ז. וו.

סאָלאָ.

די גרויסע שטאָדט,
שאָדט אַ סך, שאָדט!
דער חשק, די דאגה, דער וויין!
דער טריקענט דעם כח...
די דאַרט דער מוח...
דער טרייבט יונג אין דער ערד אַריין.
האָר. פלאַקער, פייעריל א. ז. וו.

ש. פרוג.

זאמד און שטערען.

עס שיינט די לבנה; עס גלענצען די שטערען;
די נאכט שוועבט אויף בארג און אויף טהאל...
דאס אלטיטשקע ביכעלע ליעגט פאר מיר אפען, —
איך לייען עס, לייען דאס טויזענדע מאל.

איך לייען די היילינע, טייערע ווערטער,
מיר הערט זיך א שטימע: „איך שווער —
מיין פאלק, דו וועסט זיין ווי די שטערען אין הימעל,
ווי זאמד אויפ'ן ברעג פונ'ם מעער...״

רבונו של עולם! עס ווערט ניט פערפאלען
פון דיינע הבטחות קיין איינציגעס ווארט;
מקוים מוז ווערען דיין הייליגער ווילען,
אלץ קומט אין זיין צייט אויף זיין ארט.

און איינס איז שוין טאקי מקוים געווארען,
דאס פיהל איך, דאס ווייס איך געוויס:
מיר זענען געווארען ווי זאמד, וואס איז הפקר,
וואס יעדערער טרעט מיט די פיס...

יא, גאטעניו, אמת, ווי זאמד און ווי שטיינער,
צושפרייט און צוווארפען אויף שאנד און אויף שפאט
נו אבער די שטערען, די ליכטיגע, קלארע —
די שטערען, די שטערען — וואו זענען זיי, גאט?

י. י. פּראָפּוס.

איך שטעה בײַ דעם װאַלד.

איך שטעה בײַ דעם װאַלד,
װאו ס'האָט זיך נישט לאַנג
פֿון פֿויגעל געהערט
אַ געטליך געזאַנג —

פֿון ליעבע און טרײסט,
פֿון שענהייט און פּראַכט — —
איך שטעה בײַ דעם װאַלד
און טרויער פֿערטראַכט:

װאו זענען זײ ציגד
די פֿויגעלעך װאו?
אין לענדער פֿערפֿרעמדט —
צי האָבען זײ רוה?

צי זינגען זײ דאָרט
אויך ליעדער פֿון גליק?
צי ציהט זײער האַרץ
אהערצו צוריק?...

י. ל. גארדאן.

צווײ חסידים.

(בנגון; די גרענאדירע).

צווײ חסידים זענען געגאנגען צו פּיס
אויף סכּות צו׳ם רבּין קײן ריזען —
זײ האבען געוואָלט הערען דעם שמיעס
דעם רבּינ׳ס מיט די אושפּיזין.

דא האבען זײ אונטערוועגענס דערהערט,
דאס עס איז א גרויס אומגליק געקומען:
ר׳ סראָלצע ליעגט נעבעך ווי א באַרג אין דער ערד,
מע האט איהם אין פעסטונג גענומען.

דא האבען די חסידים געטהון א געשרײ
און אויף זיך געריסען די הויט.
גוואלד ברידער, שרײט אײנער, אך אונז און וועה,
דערפון וועל איך קריגען מײן טוידט!

דער אנדערער ראיעט אויך ווי א הינד:
יא, דיר איז צו שטארבען גרינגער,
איך אבער האב דאך ווײב און קינד,
וואס וועלען מיר אויסגעהן פאר הונגער.

וואס ארט אונז א ווײב, וואס ארט אונז א קינד,
מיר האבען פאר וואס בעסערס צו בעטען.
לאזען זײ פאר הונגער פײגערן ווי הינד —
דער רבּי, דער רבּי — אין קעטען!

נאָך איין בקשה וועל איך צו דיר האָבען:
אַז ס'וועט קומען מיינע לעצטע מינוטען,
זאָלסטו אין רוּהען מיך זעהן צו בעגראָבען,
מיט רוּהיגער ערד מיך באַשיטען.

דעם שבת'דיגען טלית מיט דעם זילבערנעם קאַנט,
די תפילין מיט די ברייטע רצועות,
איך בראָנפען אַ פלאַש גיעב מיר אין די האַנד
און דעם שופר צו בלאָזען די תקיעות.

אַזוי וועל איך רוהיג אין מיין קבר זיך ליעגען,
מיין שלאָף וועט מיר קיינער ניט שטערען,
ביז איך וועל אַמאָל דעם היילינגען נגון
פון דעם רבינ'ס זמירות דערהערען.

דער רבי וועט טרעטען אויף מיין קבר דאָס גראָז,
דערפון וועל איך אויפשטעהן ממילא,
אויפשטעהן און טרינקען בראָנפען אַ כוס
און בלאָזען אַ תקיעה גדולה...

8. ריזען.

אָרימעם לעבען.

אָרימעם לעבען! נאָר שטענדיג זיך מאַטערן,
שטענדיג צו לעבען אין נויט;
כּוחות די יונגע די פרישע צו פּטר'ן.
זוכענדיג — טרוקענעם ברויט!

וואָגלען און וואַנדערן! וואו טאָגען ניט נעכטיגען,
נעכטיגען ניט, וואו געטאָגט!
הערען דאָס שפּעטען פון בעז — נידערטרעכטיגען,
שווייגען — קיין וואָרט נישט געזאָגט!

בוקען זיך, בייגען זיך נידעריג, נידעריג.
ברעכען דעם קערפּער אויף האַלב;
רעדען תּחנונים און וויינענדיג, ציטערדיג,
בעטען ביי'ם גאָלדענעם קאַלב!...

ליעבע און גלויבען און שטרעבונגען קראַפטיגע,
פוילען און וועלקען אין האַרץ;
בלומען פון יוגענד, די פרישע, די זאַפטיגע,
ווערען צוטראָטען אויף שוואַרץ!...

דיינע אויגען.

דיינע אויגען לייכטען, פינקלען...
ווען דו רעדסט פון נייע צייטען;
אַלע מענשען — זאגט און גליקליך,
ווען די אָרדנונג וועט זיך בייטען.

און איך גלויב אין דיין נביאות,
דאָך אין אויג מיינס שטעהען טרעהרען:
ביי דער בעסטער אָרדנונג, ליעבסטע,
וועסטו אַלץ ניט מיר געהערען...

מאָריס ראָזענפעלד.

אַרבייטער־ראָמאַנס.

ניִשט זוך מיך, וואו מירטען גריִנען,
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מיין שאַץ;
וואו לעבענס וועלקען ביי מאַשינען —
דאָרטען איז מיין רוהע־פּלאַץ,
דאָרטען איז מיין רוהע־פּלאַץ.

ניִשט זוך מיך, וואו די פויגעל זינגען,
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מיין שאַץ;
אַ שקלאַף בין איך; וואו קייטען קלינגען,
דאָרטען איז מיין רוהע־פּלאַץ,
דאָרטען איז מיין רוהע־פּלאַץ.

ניִשט זוך מיך, וואו פאָנטאַנען שפּריצען,
געפינסט מיך דאָרטען ניט, מיין שאַץ;
אַ וואו טרעהרען רינען, צייהנער קריצען,
דאָרטען איז מיין רוהע־פּלאַץ.
דאָרטען איז מיין רוהע־פּלאַץ.

און ליעבסטו מיר, מיין טרייסט, מיין טרייהייט —
צו ליידען געהם זיך אָן, מיין שאַץ,
ביז וואַנען גלייכהייט, גליק און פרייהייט
ברענגען אונז איין רוהע־פּלאַץ,
ברענגען אונז איין רוהע־פּלאַץ.

אַ ייד בין איך.

(צו די פויגעלאך).

ניט זינגט מיר, פויגעלאך געטרייע,
פון מאי, פון פעלדער פרישע, פרייע;
וואס נוצט מיר אייער ליעד?
אַי, אַי, שאַדע אייער מיהען:
איך ליעב נאָר טרויער מעלאָדיען —
אַ ייד בין איך, אַ ייד!

אַי, זינגט פון זיפצען, זינגט פון טרעהרען.
נאָר אונמוטהיגעס לאָזט מיר הערען,
ווי ס'פאַסט צו מיין געמיטה!
מיט טרעהרען, מיט טרעהרען געזויגען,
אויף זיפצען בין איך געצויגען —
אַ ייד בין איך, אַ ייד!

איך בין ווי דער בית-עולם,
ווארום איך קען נאָר מתים, קען נאָר קברים —
פון לעבען ווייס איך ניט;
אַי, שאַדע, פויגעלאך, אייער מיהען: —
איך ליעב בית-עולם מעלאָדיען —
אַ ייד בין איך, אַ ייד!

די יידישע פרייהייט.

מיר האָבען גענוג שוין פאַר פרעמדע געשאַפען
און זעהען גאַנץ גוט, וואס עס איז אונזער לוין,
מיר ווילען נישט לענגער פערבלייבען קיין שקלאַ-ן,
און רייך מאַכען פרעמדע און בעטלען אליין.

מיר האָבען געענוג שוין געבויעט פיראמידען
פאר יעדוועדען פרעה אין יעדוועדען לאנד;
שוין צייט זיך בעפרייען אלס מענשען און יידען
פון עביגען גלות פון עביגער שאנד.

שוין צייט צו צוברעכען פון גלות די קייטען,
צו שענדליכער קנעכטשאפט זאָל נעהמען אַ ן'עק;
און שטארקען און מוטהיגען איינער דעם צווייטען,
ביז וואנען מיר וועלען ערגרייכען דעם צוועק.

און אָנפאנגען ארבייטען און אויפהערען וויינען,
מיר האָבען געענוג שוין געוויינט און געשקלאפט;
און זאָלען זיך אונזערע כחות פעראייניגען,
אין איין גרויסער מעכטיגער פרולטבארער קראפט.

און צווישען אונז הערשען זאָל אחדות און טרייהייט,
אַ שטארקער אַ אמת'ער ברידער-פערבאנד;
זאָל זיין אונזער לאָזונג „די יידישע פרייהייט"
„פאר'ן יידישען פאָלק, פאר דעם יידישען לאנד".

דער קאנאריק.

עס טרילערט דער קאנאריק
אין פרייען וואלד אליין;
ווער קען זיין שמחה פיהלען?
ווער קען זיין פרייד פערשטעהן?

עס טרילערט דער קאנאריק
אין רייכסטען פאלאַץ שוין;
ווער קאָן זיין וועהטאָג פיהלען?
ווער קאָן זיין שמערץ פערשטעהן?

מאַי.

װיעדער איז דער מאַי געקומען,
מיט זיין צױבער, מיט זיין פראַכט, —
אַלע גראָזען, אַלע בלומען
האָבען װיעדער אױפגעװאַכט!

װיעדער בליהט עס אויף די פעלדער,
װיעדער גרינט עס אין די װעלדער
װידער גלענצט עס איבעראַל,
װיעדער זינגט די נאַכטיגאַל.

װיעדער נעהמט דער פריהלינג מאָהלען,
מיט זיין פענזעל װאו ער שמירט,
װערען בערגער, װערען טהאָלען,
װערט די ערד מיט גרין פערציערט.

מײן ייִנגעלע.

איך האָב אַ קלײנעם ייִנגעלע,
אַ זוהנעלע גאָר פײַן!
װען איך דערזעה איהם דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע װעלט איז מײַן.

נאָר זעלטען זעלטען זעה איך איהם,
מײַן שענעם װען ער װאַכט,
איך טרעף איהם אימער שלאָפענדיג,
איך זעה איהם נאָר בײַנאַכט.

די אַרבײַט טרײַבט מיר פֿריה אַרוים
און לאָזט מיך שפּעט צוריק;
אָה, פֿרעמד איז מיר מײַן אײגען לײַב!
אָה, פֿרעמד מײַן קינדס אַ בליק!

איך קום צוקלעמטערהײד אַהײם,
אין פֿינסטערניש געהילט, —
מײַן בלײַכע פֿרוי דערצעהלט מיר באַלד,
ווי פֿײַן דאָס קינד זיך שפּיעלט.

ווי זים עס רעדט, ווי קלוג עס פֿרעגט:
„אָ, מאַמע, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר
מײַן גוטער, גוטער פּאַ?"

איך הער עס צו און ווײַל — עס מוז, —
יאָ, יאָ, עס מוז געשעהן!
די פֿאַטערליעבע פֿלאַקערט אויף;
עס מוז מײַן קינד מיך זעהען!...

איך שטעה בײַ זײַן געלעגעריל
און זעה, און הער, און שאַ!
אַ טרוים בעוועגט די ליפּעלאַך;
„אָ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך קוש די בלויע אויגעלעך,
זײ עפֿנען זיך — „אָ, קינד!"
זײ זעהען מיך, זײ זעהען מיך,
און שליעסען זיך געשווינד.

„דאָ שטעהט דיין פּאַפּאַ, טייערער,
אַ פּענעלע דיר, נאַ!“
אַ טרוים בעוועגט די ליפּעלאך:
„אָ, וואו איז, וואו איז פּאַ?

איך בלייב צעוועהטאָגט און צעקלעהמט,
פערביטערט און איך קלעהר:
„ווען דו ערוואַכסט אַמאָל, מיין קינד,
געפינסטו מיך ניט מעהר“...

גלות־מאַרש.

מיט דער וואַנדערשטאָב אין האַנד,
אָהן אַהיים און אָהן אַ לאַנד;
אָהן אַ גואל, אָהן אַ פריינד,
אָהן אַ מאָרגען, אָהן אַ היינט, —
ניט געדולדעט, נאָר געיאָגט,
וואו גענעכטיגט, ניט געטאָגט,
אימער וועה, וועה, וועה!
אימער געה, געה, געה!
אימער שפּאַן, שפּאַן, שפּאַן!
כל זמן כח איז פאַרהאַן!

אונזער גבורה ליעגט אין שטויב,
אונזער תורה איז אַרויב,
אונזער נאָמען — אַ געפאַהר,
אונזער יחוס נאָר אַ צער,

אונזער גאונות נאָר אַ חטא,
אונזער פֿיינקייט — אַ געשפּעט,
אימער שלעכט, שלעכט, שרעכט!
אימער קנעכט, קנעכט, קנעכט!
אימער זוך, זיך, זוך
זעגען אין דעם שונא׳ס פֿלוך!

און אַזוי, אַ, יאָהר נאָך יאָהר,
און אַזוי, אַ, דור נאָך דור,
אָהן אַ האָפֿנונג, אָהן אַ צוועק,
איינגעהילט אין גרויל און שרעק,
וואַנדלען מיר וואַלד אוים וואַלד איין,
פֿון יסורים נאָר צו פּיין,
אימער טרעט, טרעט, טרעט!
אימער בעט, בעט, בעט!
אימער נויט, נויט, נויט!
און קיין גליק זאָגאר צו׳ם טויט!

שלום עליכם.

שלאף מיין קינד.

(א וויעג־ליעד).

שלאף, מיין קינד, מיין טרייסט, מיין שענער
שלאף, מיין זוהנעניו!
שלאף, מיין קרוין, מיין קדיש איינער,
ליולינקע ליו־ליו.

ביי דיין וויגעל זיצט דיין מאמע,
זינגט א ליעד און וויינט;
וועסט אמאל פערשטעהן מסתמא,
וואס זי האט געמיינט.

אין „אמעריקע" דער טאטע
דיינער, זוהנעניו!
ביזט א קינד נאך, שלאף לעת־עתה,
שלאף זשע, שלאף ליו־ליו.

דאס „אמעריקע" פאר יעדען,
זאגט מען, איז א גליק,
און פאר יידען א גן־עדן, —
עפעס אנ'אנטיק.

דארטען ווייסט מען פון קיין גלות,
גזרות, זוהנעניו,
פון קיין צרות, קיין יללות,
שלאף זשע, שלאף, ליו־ליו.

דארטען, זאגט מען, זענען יידען,
קיין עין הרע רייך.
יעדער לעבט זיך דארט צופריעדען, —
אלע זענען גלייך.

דאָרטען עסט מען אין דערוואַכען
חלה זוהנעניו!
יאַיכלעך וועל איך דיר דאָרט קאָכען,
שלאָף זשע, שלאָף ליו־ליו.

נאָר דערווײַליג לאָמיר האָפען,
אוי, וואָס קאָן מען טהון?
ב'וואָלט שוין לאַנג צו'איהם געטראָפען,
ווײס איך ניט וואוהין...

נאָט וועט הײסען, וועט ער שיקען
בריוועליך, זוהנעניו!
גאָר אין גיכען אונז בעגליקען,
שלאָף זשע, שלאָף ליו־ליו.

ער וועט שיקען צוואַנציג דאָלער
זײַן פאָרטרעט דערצו,
און וועט נעהמען, לעבען זאָל ער,
אונז אַהינצוצו.

ער וועט אַלץ פון אונזערטוועגען
שאַפען, זוהנעניו,
און וועט פאָהרען אונז אַקעגען,
שלאָף זשע, שלאָף ליו־ליו.

און וועט האַפען דיך צו'ם קושען,
שווײַגען אַזש פאַר פרײד;
איך וועל קוואַלען טרעהרען גיסען,
וויינען שטילערהײד.

ביז עס קומט דאָס גוטע קוויטעל,
דאַרף מען, זוהנעניו,
שלאָפען; ס'איז אַ טײַער מיטעל, —
ליולינקע ליו־ליו.

יצחק קאצענעלענסאן.

עלעגיע.

די זון פערגעהט אין פלאמען.
די זון — מען זעהט זי קוים.
אזוי פערגעהט מיין האפנונג,
אזוי פערלעשט מיין טרוים.

די נאכט, די נאכט איז פינסטער,
די נאכט איז שטום און שווארץ;
אזוי זעהט אוים מיין טרויער,
אזוי זעהט אוים מיין הארץ...

וועלט דו, וועלט דו, זארג ניט —
באלד לייכט אויף דיין טאג!
עביג איז מיין טרויער,
עביג איז מיין קלאג.

ברוך זאַפּיר.

שיידען טהוט וועה.

דועט.

Melodie: „Leise flehen meine Lieder“.

1.

(ער).

פאַרוואָס, אַך זאָ טרויעריג מיין טייערע גדולה.
אָ זאָג, וואָס פערוּרזאַכט דיר שמערץ,
מיינסט אפשר איך קען דיך פערלאָזען, חלילה,
דיך מיין איינציג הערץ,
דיך מיין איינציג הערץ,
דיך ...

2.

(זי:)

איז מיר דען מעגליך אצינד, ווען מיר שיידען,
צו האַלטען צוריק מיין געוויין,
אין דיין הערצען וואָהנען אַלע מיינע פריידען,
לאָז מיך נישט אַליין,
לאָז מיך נישט אַליין,
לאָז ...

3.

(ער)

דאָרט קושען צוויי טייבלעך זיך אויף די צווייגען,
פליהט יעדעס אין זיין נעסט אריין,
זיי מוזען אויך שיידען, דאָך זעה, ווי זיי שווייגען,
ווילען נישט טרויריג זיין,
ווילען נישט טרויריג זיין,
ווילען ...

4.

דער אָרט, וואו מיר שיידען, דער איז צו בעדויערען,
שטיל בלייבט ער, וויכט און לעער.
די געגענד וועט ווײנען, די ערד וועט טרויערען,
ס'וואַקסט קיין גרעז'ל מעהר,
ס'וואַקסט קיין גרעזעל מעהר,
ס'וואַקסט...

5.

דאָס גראָז קען וועלקען, די געגענד שווייגען,
דאָך טרייע ליעבע בליהט,
איך צוואר פערליר דיך אויס די אויגען,
אויס דעם הערצען ניט.

א. ר.

א יודישער ניגון.

(פריי נאך בייראן).

מיין זעלע איז בעטריבט, א זינגער, גיכער קום
אט איז די גאלדענע פידעל,
און זאלען דיינע פינגער אפליה טהון איבער איהר
און אויפוועקען דאס אלטע זיסע ליעדעל.

און אויב דער מזל האט די האפנונג ניט פעריאגט
דאן וועט זי אין מיין הארץ אומקעהרען;
און אויב ס׳איז דא נאך א פערקיהלטער טראפ אין אויג,
וועט זי צוגעהן אין הייסע טרערען...

מעג ביטער זיין, ווי ס׳איז מיין מזל, אויך דיין ליעד,
— עס איז מיר שווער די שמחה-קלאנגען;
א, זינגער, וויינען וויל איך, טרערען, טרערען נאר,
זאל ווערען ס׳הארץ אין זיי צוגאנגען...

א, לאנג האט זיך מיין הארץ געמאטערט און געקוועלט
און האט געשטומט, און ניט געזונגען,
א, איצטער איז די לעצטע שעה, דער כוס איז פול,
און ס׳ווערט דאס הארץ פאר וועה צושפרונגען...

ה. ד. נאָמבערג.

וואָרום.

(פון היינע)

וואָרום זענען די רויזען פערטרויערט און בלאַס,
צי ווייסט דו נישט, ליעבסטע, פאַרוואָס?
וואָרום ווייִנען די פייגעלעך מיט ציטריגע טרעהרען
און טוליען די קעפּלעך אין גראָז?

וואָרום ביי׳ם ליכטיגסטען שיין פון׳ם זומער
זינגען טרויעריג די פויגעל אַזוי?
וואָרום שטעהען אין טרויער די בוימער,
איינגעהילט אין אַ בלאַהליכען טהוי?

וואָרום איז מיר דער ליכטיגער שטראַהל
אַזוי מאַט, אַזוי טונקעל געוואָרען,
אז עס דוכט זיך: די אָרימע וועלט
איז צו אַנגסט נאַר און בענקשאַפט געבאָרען?

וואָרום קלעמט מיר דאָס האַרץ אָהן אַנ׳אויפהער,
וואָרום פריהר איך אין פריהלינג פאַר פראָסט?—
אָ, זאָג מיר מיין ליעבסטע, וואָרום דען וואָרום,
האָסט דו מיך פערגעסען, פערלאָזט?

פאָלקס ליעדער.

דו מעדעלע דו שענס.

דו מעדעלע, דו שענס, דו מעדעלע, דו פיינס,
כ'וועל דיר עפּעס פרעגען א רעטעניש א פיינס:
וואו איז פאַרהאַן א מלך אָהן א לאַנד?
וואו איז פאַרהאַן א וואַסער אָהן א זאַמד?
נאַרישער בחור, נאַרישער טראָפּ,
דו האָסט ניט קיין שכל אין דיין קאָפּ:
דער מלך פון קאָרטען איז אָהן א לאַנד,
דאָס וואַסער פון אויג איז אָהן א זאַמד.

דו מעדעלע, דו שענס, דו מעדעלע, דו פיינס,
כ'וועל דיר עפּעס פרעגען א רעטעניש א פיינס:
וואָס איז טיעפער פאַר א קוואַל?
וואָס איז ביטערער פאַר א גאַל?
נאַרישער בחור, נאַרישער טראָפּ,
דו האָסט ניט קיין שכל אין דיין קאָפּ:
די תורה איז טיעפער פאַר א קוואַל,
דער טוידט איז ביטערער פאַר א גאַל.

דו מעדעלע, דו שענס, דו מעדעלע, דו פיינס,
כ'וועל דיר עפּעס פרעגען א רעטעניש א פיינס:
וואָס פאַר א שטוב איז אָהן א טיש?
און וואָס פאַר א וואַסער איז אָהן א פיש?
נאַרישער בחור, נאַרישער טראָפּ,
האָסט ניט קיין שכל אין דיין קאָפּ:
די באָד־שטוב איז דאָך אָהן א טיש
די מקוה־וואַסער איז אָהן א פיש.

די מעדעלע, די שענס, די מעדעלע, די פיינס,
ל'וועל דיר עפּעס פרעגען אַ רעטעניש אַ פיינס:
וואָס'ער מילנער איז אָהן אַ מיהל?
און וואָס'ער לעפעל איז אָהן אַ שטיל?
נאַרישער בחור, נאַרישע טראָפּ.
דו האָסט ניט קיין שכל אין דיין קאָפּ:
אַנ'אָבגעברענטער מילנער איז אָהן אַ מיהל,
אַנ'אָבגעבראָכענע לעפעל איז אָהן אַ שטיל!

הער נאָר דו, שען מעדעלע!

הער נאָר דו, שען מעדעלע,
הער נאָר דו, פיין מעדעלע,
וואָס וועסטו טהון אין אזא וויטען וועג?
איך וועל געהן אין אלע גאַסען
און וועל שרייען וועש צו וואַשען,
אבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אבי מיט דיר צוזאַמען זיין.

הער נאָר דו, שען מעדעלע,
הער נאָר דו, פיין מעדעלע,
וואָס וועסטו טהון אין אזא וויטען וועג?
איך וועל געהן מיט'ן שווערען פּעקעל
און אָהן שוך און אָהן רעקעל,
אבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אבי מיט דיר צוזאַמען זיין.

הער נאָר דו, שען מעדעלע,
הער נאָר דו. פֿיין מעדעלע,
וואָס ווילסטו טהון אין אַזאַ ווייטען וועג?
איך וועל טויזענד צרות ליידען,
אומעטום נדבות קלייבען,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין.

דער פּאַראָם.

ביי אַ טייך, וואָס איז טיעף און ברייט,
איך זעה אַן איבערפֿיהר ביים ברעג שטעהט.
און אַלע צו איהם ציהען,
פֿון ביידע זייטען, פֿון ביידע ברעגען,
מענשען פֿערד און וועגען,
איילענדיג אַהין פֿליהען...

די אַלע מענשען
ווינשען זיך און בענשען,
זיי זאָלען גליקליך אַריבער דעם טייך,
אונזער לעבען איז דער פּאַראָם,
די וועלט איז ביי אונז דער תהום,
ברידער, דאָס מיין איך טאַקי אייך!

נאטעז צום זינגען.

אַ ווינטער ליעד. (זייטע 165)



שַׁבָּת יום טוב און ראש חֹדֶש. (זייטע 166)





פֿלאַקער פֿייערל. (זײַטע 166)





דיינע אויגען. (זייטע 112).



אַרבּייטער ראָמאַנס. (זייטע 173)



א ייד בין איך. (זייטע 174)





די יידישע פרייהייט. (זייטע 174)





מײַן ייִנגעלע. (זײַטע 176)





שלאָף מײַן קינד. (זײַטע 180)

מוזיק פֿון זילבערג.



דער פּאָראָם. (זײַטע 189).




Andantino, con dolore.
poco cresc.
più cresc.
dim.
pp
ppp


poco cresc.
mf
cresc.
poco-a-poco
Molto cresc.
rit. e dim.
Diluendo.

עלעגיע. (זייטע 182).



די מעדעלע די שענס. (זייטע 187).




Er fragt
Sie antwortet.
Fine